STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02951

DI MAKHT FUN DEM EMES

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי:

די מאכט פון דעם אמת

א פאָרטראג געהאלטען אויף דער צווייטער יעהרליכער גענעראל פערזאמלונג פון דער „קראפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.“

דעם 28טען פעברואר, 1915.

ארויסגעגעבען פון דער
קראפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.

הויפּט אגענטור: מייזעל'ס פערלאג,
424 GRAND ST., NEW YORK

COMRADES SELF EDUCATIONAL CLUB
ORGANIZED
1914

דר. חיים זשיטלאָסקי:
די מאכט פון דעם אמת.

די מאַכט פון דעם אמת*)

מיינע דאַמען און הערען!

דער היינטיגער אבענד איז די צווייטע יעהרליכע פערזאמ־לונג פון אונזער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אוועק געשטעלט פאר איהר ציעל צו פערשפרייטען צווישען דעם אידישען פאָלק די אי־דעען און אידעאלען פון אונזערע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיס־טישע קלאַסיקער,—ד. ה. יענעם אמת, פון וועלכען קראָפּאָטקין איז איינער פון די גלענצענדסטע און איבערגעגעבענסטע אַפּאָס־טעלן. מיר אלע גלויבען אין די גרונד־שטריכען פון אונזער אמת. ווי ווייט מיר זאָלען זיך ניט פאנאנדערגעהן אין זיינע איינצעלנע פּרטים, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער אונטערשייד צווישען דעם ריין אנארכיסטישען און דעם סאָציאַליסטישען שטראָם פון אונ־זער אלגעמיינעם געדאנק. מיר אלע ווילען דורך אונזער טהע־טיגקייט פערשטארקען זיין מאכט אין די מוחות פון אונזער פאָלק.

עס האָט זיך מיר דעריבער געדוכט, אז די פאסענדסטע טהע־מע פאר דער פעסטרעדע אויף אונזער היינטיגען יום־טוב וואָלט געוועזן די מאכט פון דעם אמת בכלל, דער פּרוב צו פער־ענטפערן די שאלה: איז דאָ אזא מאכט און אין וואָס בעשטעהט זי?

מיט דער פראגע האָב איך מיך פעראינטערעסירט נאָך גאָר גאָר אין מיין פריהער יוגענד, א דאנק א קליינעם פּאַרפּאַל, וואָס האָט פּאסירט מיט מיינעם א פריינד. איך וועל אייך דערצעהלען דעם פּאַרפּאַל, ווייל ער וועט אייך דערקלעהרען, אין וואָס פאר א זין איך וויל דאָ אויפפאסען אונזער פּראָבלעם.

מיט מיינעם א פריינד, א רוסישען רעוואָלוציאָנער, האָט אין דעם אָנהויב פון די 80־ער יאהרען פּאסירט אזא מעשה.

אין זיין הויף האָט זיך, מיט זיין וויסען, א לענגערע צייט

---

*) א פעסט־רעדע, געהאלטען אויף דער צווייטער יעהרליכער פער־זאמלונג פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאַפט.“

אויסבעהאלטען א רעוואָלוציאָנער פון מאָסקווע, מיט'ן נאָמען, לאָמיר זאָגען: „סידאָראָוו", וועלכען די פּאָליציי האָט מיט התמדה געזוכט. אז איהר האָט זיך איינגעגעבען אויסצוגעפינען זיין שפּוהר, איז דער פויגעל שוין אבער געווען אוועקגעפלויגען און עס איז איהר מעהר גאָר נישט געבליבען, ווי צו ארעסטירען מיין פריינד און נעהמען איהם ווי דער סדר איז „אויפ'ן ציממבעל".

צו אזא פאל איז מען לכתחילה געווען צוגעגרייט. מען האָט אויסגעארבייט א גאנצע דערצעהלונג מיט אלע פּרטים וועגען א געוויסען סוחר, לאָמיר זאָגען איוואַנאָוו, וואָס איז געקומען קויפען ביי מיין פריינד א וואלד און איז קראַנק געוואָרען אין הויף. מען האָט געקאָנט אָנפיהרען א סך עדות פון די ארומיגע דערפער, וואָס האָבען געמוזט פער'אמת'ען די וויכטיגסטע פּרטים פון דער אויס־געטראכטער דערצעהלונג.

ביי דער אויספאָרשונג, ווען מען האָט איהם געשטעלט די פראגע: ווער איז געווען דער מאַן, וואָס האָט ביי איהם גע־וואוינט און וואָס האָט ער ביי איהם געדאַרפט? איז מיין פריינד ארוים מיט זיין אויסגעקלעהרטער מעשה, און עס איז אלץ געגאַנגען ווי געשמירט. אויף יעדען וויכטיגען פונקט איז געווען אָנגעגרייט א תירוץ, און דער תירוץ האָט זיך נאַטירליך אריין געפּאַסט אין דער גאַנצער דערצעהלונג און האָט געקאָנט פער'אמת'ט ווערן מיט אַן עדות. נאָר אין איין מאָמענט האָט זיך מיין פריינד אויסגע־גליטשט. אנשטאָט אָנצורופען דעם אויסגעטראכטען סוחר מיט דעם אויסגעטראכטען נאָמען „איוואַנאָוו", האָט ער איהם פון העל־לער הויט אָנגערופען מיט דעםווירקליכען נאָמען פון דעם ווירק־ליכען רעוואָלוציאָנער סידאָראָוו.

מיין חבר האָט זיך באלד געכאפּט, האָט אבער ניט פערלאָ־רען דאָס קאלטע בלוט און האָט ווייטער געשפּונען זיין מעשה מיט דעם סוחר איוואַנאָוו. אויך דער אויספאָרשער האָט געמאכט א שוויַיג. ערשט ווען מען איז פאַרטיג געוואָרען מעט דער דער־צעהלונג, האָט דער אויספאָרשער געפרעגט: „און ווער איז געווען דער סידאָראָוו, וועלכען איהר האָט פריעהר דערמאָהנט, און וואָס פאַר א שייכות האָט ער צו דעם סוחר איוואַנאָוו?"

מיין פריינד האָט פּשוט געלייקענט שטיין און ביין. ער וויים

לחלוטין ניט פון קיין סידראַוו; ער הערט דעם נאָמען ערשט איצ־טער צום ערשטען מאָל און ממילא האָט ער איהם פריהער ניט גע־קאַנט דערמאָהנען. און דערביי איז ער געבליבען. די צייטען זע־נען נאָך יעמאָלט געוועזען ניט אזוי שטרענג, מען האָט נאָך גע־קוקט אביסעל אויף „געזעצליכקייט", און מיין פריינד האָט זיך ארויסגעדרעהט פון דעם פּאַטאָלען עניין מיט א פּאָר יאָהר „אונ־טער אויפזיכט."

וואָס איז דאָ אזוינס פאָרגעקומען מיט מיין פריינד?

ער האָט אויסגעוועבט א געדיכטען געוועב פון שקר און האָט דאָס אויפגעהאנגען, ווי א מחיצה צווישען דעם אמת און דעם אויספאָרשער. אבער ווי געדיכט און פעסט די מחיצה פון שקר איז ניט געווען אויסגעוועבט, האָט זי ניט געקאָנט איינהאַלטען דעם אמת. ער, דער אמת, האָט געלויערט הינטער איהר און אין א אומ־בעוואכטען מאָמענט האָט ער דורכגעריסען דאָס שטארקע געוועב און זיך ארויסגעריסען אויף די ליכטיגע שיין.

אָט די אייגענשאַפט פון דער מענשליכער נשמה—ניט צו קאָנען אין גאנצען פערשטיקען אין זיך דעם אמת און סוף־כל־סוף אונטערצופאַלען אונטער זיין שליטה, רוף איך אָן: די מאכט פון דעם אמת.

דער פאַקט, אז עס איז דאָ אזא מאכט, איז שוין פון לאַנג אָן בעקאַנט. געניטע אויספאָרשער ווייסען שוין מקדמונים דעם כלל, אז ביי אן אויספאָרשונג טאָהר מען קיין מאָל ניט איבער־שלאָגען די אויסזאָגען פון דעם פערברעכער. ווי קונציג ער זאָל ניט וועבען זיין ליגען־געוועב, ווי אָבגעהיט ער זאָל ניט שפּינען זיינע פעדים,—וואָס מעהר ער וועט שפּינען און וועבען, אלץ מעהר געלעגענהייט וועט ער שאַפען פאַר דעם פערבאָרגענעם אמת אונ־טערצורוקען א ניט־פּאסיגען פאָדים, וואָס וועט זיך פּלוצלונג אריין וועבען אין זיין געוועב. און מיט דעם ניט פּאסיגען פאָדים אין דער האנד איז שוין נאָכדעם ניט שווער זיך צו דערקלייבען ביז צו דעם בעהאַלטענעם קנויל.

אויף דער פאָלק־לאַר פון די פערשיידענע פעלקער,—יענע פאָלקס־מעשה'לעך, ליעדלעך און ווערטלעך, וואָס אין זיי זאַמעלט א פאָלק און בעהאַלט פאַר דורות די ערפאהרונגען פון דעם מענש־

ליכען לעבען,—בעווייזען, אז די מאַכט פון דעם אמת,—זיין שליטה אפילו אויף יענער נשמה, וואָס וויל פון איהם ניט וויסען,—איז דער מענשהייט בעקאַנט פון לאַנג אָן.

די עדות פון דעם פעלקער־שכל איז אין אונזער ענין, ווי אין אַלע אַנדערע פראַגען, אַזא וויכטיגע אינסטאַנץ, אַז מיר מוזען דאָ דערמאָהנען אַ פּאָר איינצעלהייטען פון דעם אַל־מענשליכען פאָלק־לאָר.

די בעקאַנטעסטע מעשה'לע, וואָס אילוסטרירט אונזער טהע־מא, איז די אַלט־גריכישע לעגענדע וועגען איוויק'ס בושעלם, וועלכע שילער האָט בעזונגען אין זיין בעקאַנטען פּאָעם: „די קראַניכע דעם איביקוס".

דער בעריהמטער דיכטער איוויק איז געגאַנגען אַליין דורך אַ געדיכטען וואַלד אויף אַ פאָלקס־יום־טוב אין קאָרינף. אינ'ם וואַלד האָבען איהם בעפאַלען צוויי גזלנים און קיינער איז ניט געווען ווער עס זאָל איהם העלפען אין זיין נויטה. נאָר אַ מחנה בור־שעלם איז פאַרבייגעפלויגען אין דער הויך און צו זיי האָט דער גוסס'ער דיכטער ארויפגעשיקט זיין קלאָג און זיין צוואה, זיי זאָ־לען נקמה נעהמען פאַר איהם. דעם מת האָט מען באַלד געפונען אין וואַלד און געבראַכט קיין קאָרינף. דער פאָלקס־יום־טוב איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלקס־טרויער נאָך דעם בעליעבטען דיכטער. צווישען דעם עולם אויף דעם פרייען יום־טוב־פּלאַץ זע־נען אויך געווען איוויק'ס צוויי רוצחים, וואָס האָבען געווים גע־רעכענט, אַז קיין מאַכט אין דער וועלט קאָן ניט אויפדעקען זייי־ער פערברעכען. אבער אָט האָט מען אויפגעפיהרט אַ טרויער־שפיעל, וואָס האָט געפּאַסט צו דעם פאַל, און דער גאַנצער עולם איז געזעסען שטיל, פערזונקען אין צער. גראָד אין דעם מאָ־מענט איז איבער די קעפּ פון דעם פאָלק פאַרבייגעפלויגען די מחנה פויגעל, און איין גזלן האָט זיך אבגערופען צום אַנדערען: „זעה אָן פליהען איוויק'ס בושעלם". דער נאָמען „איוויק" האָט געווירקט, ווי אַן עלעקטרישער שלאָג אויף דעם גאַנצען עולם. מען האָט זיך אַ נעהם געטהאָן צו די חברה־לייט און נאָך אַ לאַנגען אויספאָרשען האָבען זיי זיך געמוזט מודה זיין אין זייער טהאַט.

אַ רוסישע פאָלקס מעשה'לע מיט אַן עהנליכען אינהאַלט האָט

טאָלסטאָי בעארבייט אין זיין „באָך פראוודו ווידיט, דא ניע סקאָרא סקאזשעט“ (גאָט זעהט דעם אמת אבער זאָגט איהם ניט אויס באלד). דאָס דייטשע פאָלק ציעהט דעם סך־הכל פון אלע אזועלכע לעבענס־ערפאהרונגען אין די ווערטלעך: „די ליגע האט קורצע ביינע“ (דער ליגען האָט קורצע פים) און „עס איסט ניכטס זאָ פיין געשפּאָנען, דאָס עס ניכט קאָמט אן די זאָננען“ (קיין זאך איז ניט געשפּונען אזוי פיין, עס זאָל ניט ארויס קומען אויף די ליכטיגע שיין). דאָס אידישע פאָלק זאָגט אין אזא פאל: „הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, קיין פערבאָרגענע זאכען זאָלען ניט זיין“, „וועגד האָבען אויערן“, אדער: „דער אמת שווימט ארויף ווי בוימאויל אויפ'ן וואסער“. און שוין די אלטע אידען פון דער תלמוד'ישער צייט האָבען געוואוסט, אז „שקר אין לו רגלים“ (דער ליגען האָט ניט קיין פים), מען מוז איהם דעריבער באלד קאָנען כאפּען.

די איבערמאכט פון דעם אמת איבער דעם שקר לאָזט זיך אין אלע אזעלכע פעלען זעהר לייכט דערקלעהרען. דאָס, וואָס איך האָב געזעהען מיט מיינע אויגען און געהערט מיט מיינע אויערן, לאָזט איבער אזא שטארקען רושם אין מיין זכרון, אז עס ווערט א טייל פון מיין נשמה, פון מיין אייגענעם „איך“. און בעת דער אמת ליעגט אין דעם נאטירליכען זכרון, מוז דער שקר זיך האלטען אויף א געקינסטעלטע פאנטאזיע. דער א מ ת, וועלכען די חושים ברענגען אונז, טראָגט זיך אליין, און מיר דארפען ניט אָנווענדען קיין איין ברעקעל ענערגיע, כדי אונז אליין איינצורעדען, אז די ווירקליכקייט, וואָס מיר האָבען געזעהן, האָבען מיר ווירקליך געזעהען. אין דעם שקר אבער קאָנען מיר אונז אליין בשום אופן ניט איינרעדען. דער זכרון וויל איהם אינסטינקטיוו ניט אויפנעהמען, ווייל זיין פלאץ איז פארנומען מיט דעם אמת. דער אמת ווארפט איהם אלע ווייל אראָב פון זיך און מען מוז ווידער א מאל אין איבער א מאָל אָנווענדען איבעריגע גייסטיגע ענערגיע, כדי דער שקר, וואָס האָט ניט קיין וואָרצלען אין דער נשמה, זאָל קאָנען אויפגעהאלטען ווערן אזוי צו זאָגען אין דער לופטען. דאָס מאטערט איין די נשמה און זי זוכט, אוים צו רוהען זיך אין איהר נ אָ ט י ר ל י כ ע ן עלעמענט, אין דעם אמת.

נאָך ריכטיגער איז צו זאָגען, אז דער שקר איז אין תוך אריין דער אמת גופא, נאָר ער איז אויף א קינסטליכען, געוואלטזאמען אופן אויפגעהאנגען געוואָרען מיט'ן קאָפּ אראב און מיט די פיס ארויף. שטענדיג טראַכטען דעם ליגען, הייסט שטענדיג האלטען א טייל פון אונזער נשמה אין אזא קינסטליכער, געוואלטזאמער לאגע, און עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס ער, דער אמת, טהוט זיך פּלוצלונג א צאַפּעל און א שטעל־אויף אויף די פיס, ווי נאָר די מוסקלען פון דעם ווילען, וואָס האלטען איהם אין דער אוננאטירליכער געצוואונגענער לאגע, ווערען אויף א רגע אבגע־שוואכט.

נו—וואָלט מען אין פלוג געקאָנט מיינען, אז די מאכט פון דעם אמת ליעגט אין יענער אונגעהייערער ווירקליכקייטס־קראַפט, וואָס מיט איהר זענען אָנגעזאַפּט אלע עודות פון אונזערע חושים, און אז נאָר יענע אמת'ען קאָנען גובר זיין דעם שקר, וואָס פאר זיי שטעלען זיך איין די דאטען פון אונזער זינליכער דערקענטניס. אין דער אמת'ן אבער איז דאָס ניט אזוי. נאָך העכער, איידער דער אמת פון די חושים, שטעהט דער אמת פון דעם שכל, און דער לעצטער אמת איז ביי א געזונדען און נאָרמאלען מוח סוף־כל־סוף גובר דעם ערשטען.

מיר ווילען דאָס באלד בעווייזען, אבער איידער מיר ווילען דאָס טהאָן, מוזען מיר זיך אויף א ווייל אָבשטעלען, און אָבראַ־מען איינציגע שטערונגען פון אונזער וועג. דאָס גאנצע פעלד פון דער זינליכער דערקענטניס, פון די אמת'ען, וואָס די חושים ברענ־גען אונז, איז לפי ערך א שטילער און זעהר ניט קיין טיעפער האַ־פען, וואו קיין גרויסע פילאָסאָפישע שטורעמס קאָנען ניט פאָר־קומען. קוים פערלאָזען מיר אבער יענעם שטילען האַפען און מיר שווימען אריין אין דעם ים פון דער שכל'דיגער דערקענטניס, אזוי הויבען שוין אָן צו וואַרפען די וואלען, אזוי בעגעגענט אונז שוין א פילאָזאָפישער שטורעם, וואָס—ווער ווייס, ווען ער וועט זיך איינ־שטילען!

איז דאָ אזא זאך אויף דער וועלט, ווי אמת? אין וואָס בע־שטעהט ער? און קאָן דער מענש איהם אויסגעפינען?

דאָס זענען די אייביגע גרויסע שאלות פון דער דערקענטניס־

טעאָריע,—די פראַגעז וועגעז דעם, פון וואַנעז עס שטאַמט אונזער דערקענטניס, וואָס פאַר א ווערטה זי האָט און אין וועלכע גרענ־יצעז זי קאָן זיך מיט זיכערקייט בעוועגעז.

געבעז אַ ענטפער אויף די אַלע שאלות קאָן ניט אריין אין די אויפגאַבען פון מיין היינטיגער פעסט־רעדע, אבער א פאָר ווער־טער וועגען דעם מוז געזאָגט ווערן.

אונטער אמת בכלל פערשטעהט יעדערער א געטרייען בע־ריכט וועגען א וועלכען עס איז פאַקטישען צושטאַנד אין דער וועלט־ווירקליכקייט, אין דער פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. דער צוקער איז זיס. דער פעפער איז ביטער. ס'איז ניטאָ קיין נשמה. עס זענען דאָ געזעצען אין דער נאַטור. די וועלט איז אונענדליך. דאָס זענען אַלץ בעריכטען וועגען פאַקטישע צו־שטענדען אין דער וועלט. און די גרויסע שאלה ווערט געפרעגט: קאָן די מענשליכע דערקענטניס אויסאַרבייטען געטרייע בעריכ־טען? וועלכע מיטלען מוז זי דערביי אָנווענדען? מעג זי זיך פער־לאָזען אויף יענע מיטלען, וועלכע זי קאָן אָנווענדען?

פערשיידענע שולען אין דער פילאָסאָפיע און דער דערקענט־ניס־טעאָריע האָבען אויף די אַלע שאלות געגעבען פערשיידענע ענטפערס: עס זענען דאָ ד אָ ג מ אַ ט י ק ע ר , וואָס בעהויפ־טען, אַז די מענשליכע דערקענטניס איז בכח אויסצואַרבייטען אַזעלכע געטרייע בעריכטען, וואָס זאָלען זיין א „מוז" פאַר דאָס דענקען. עס זענען דאָ סקעפּטיקער, וואָס בעהויפטען, אַז דער מענש קאָן בשום אופן ניט אויסאַרבייטען אַזעלכע אבסאָלוט זי־כערע בעריכטען, און אַז ביי יעדען בעריכט, וואָס ער אַרבייט אויס, האָט דער שכל א רעכט אַוועק צו שטעלען די שאלה: „טאָ־מער פערקעהרט?" דאָס הייסט, אַז קיין ענטפער איז ניט קיין „מוז" פאַר דעם מענשען. און עס זענען דאָ נאָך אַנדערע ריכ־טונגען, וואָס ליגען צווישען אָט די צוויי עקסטרעמען.

טראַכט מען זיך אבער אריין אין די אַלע סיסטעמען א ביסעל טיעפער, בעמערקט מען תיכף, אַז זיי שטעלען אַוועק די פראַגע ניט בנוגע צו א וועלכען עס איז איינצעל־פאַל, וואָס ליגט אין די גרעניצען פון דער מענשליכער ערפאַהרונג, נאָר ערשטענס בנוגע דער גאַנצער מענשליכער ערפאַהרונג בכלל, און צווייטענס בנוגע

יענע איינצעל־פעלען, וואָס שטייגען אריבער די גרעניצען פון א מענשען־מעגליכער ערפאהרונג. די איינצעל־פאלען אבער פון דער מענשליכער ערפאהרונג בלייבען אבסאָלוט מחוץ פון יענעם גרו־סען פילאָסאָפישען שטריים.

א פּאָר ביישפּיעלען וועלען אונז קלאָר מאכען דעם ענין. לאָ־מיר נעהמען קודם כל די דערקענטנים פון דער דרויסענדיגער וועלט, וואָס אונז גיעבען די חושים,—דאָס זעהען, הערען, טאַפּען, —יענעם שטילען האָפען, וואָס איז אם בעסטען געשיצט פון דעם פילאָסאָפישען שטורעם. לאָמיר זיך אוועקשטעלען אויף דעם עקס־טרעם סקעפּטישען שטאַנדפּונקט, אדער נאָך בעסער, אויף דעם עקסטרעם נעגאטיווען שטאַנדפּונקט—און זאָגען, מיט א סך אידע־אַליסטען און סאָליפּסיסטען, אז ס'איז גאָר קיין דרויסענדיגע וועלט אויף דער וועלט ניטאָ, אז אלץ וואָס איך זעה און הער און פערזוך, איז ניט מעהר, ווי א דמיון אין מיר, אז דער צוקער קאָן ניט זיין זיס, ווייל ס'איז גאָר קיין צוקער ניטאָ מחוץ פון מיין בע־וואוסטזיין, און דער פעפער קאָן ניט זיין ביטער, מחמת דעם זעלביגען טעם, און לאָמיר פּרובען אָנווענדען אָט דעם סאָליפּ־סיסטישען אדער סוביעקטיוו־אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט אויף דעם ספּעציאל־פאל מיט מיין פריינד, וואָס איך האָב אויבען דער־צעהלט.

לאָז זיין, אז מיין פריינד איז א קאָנסעקווענטער סקעפּטי־קער און דער אויספאָרשער איז א קאָנסעקווענטער סאָליפּסיסט, וואָס לייקענט לגמרי אב די עקזיסטענץ פון וועלכע עס איז רע־אַלע זאכען מחוץ פון זיין אייגענעם בעוואוסטזיין. וועט זיך דער אויספאָרשער זאָגען: „וואָס פאר א זין האָט דאָס פאר מיר צו פרעגען, וועד עס האָט ביי איהם געוואוינט,—דער רעוואָלוציאָנער סידאָראָוו, אדער וועד עס איז אַן אנדערער,—אז ער אליין, און דער רעוואָלוציאָנער און איך אליין, ווי אן אויספאָרשער, זענען מיר אַלע בסך הכל ניט מעהר, ווי פאנטאסטישע בילדער אין מיין כח הדמיון?" און וועט זיך מיין פריינד דער סקעפּטיקער פרעגען: „וואָס פאר א זין האָט דאָס אויסצוטראכטען א ניט געשטויגענעם סוחר איוואַנאָוו און אָנווענדען אַלע מיטלען, אז דער אויספאָר־שער זאָל ניט ארויף אויף דעם רעוואָלוציאָנער סידאָראָוו? זע־

נען מיר אפשר אלע עפעס מער, ווי פאנטאסטישע בילדער אין מיין כח הדמיון? קאן א י ך באמת אבסאלוט זיכער זיין, אז ביי מיר האט געוואוינט דער רעוואלוציאנער סידאראוו און ניט דער סוחר איוואנאוו, וועמעס עקסיסטענץ איך האב אויסגע־טראכט?"

עס פערשטעהט זיך, אז אזעלכע פראגען קאנען גאר ניט גע־מאלט זיין. ביידע, סיי דער סאליפסיסט, סיי דער סקעפטיקער, וואלטען געענטפערט אויף זיי: ס'איז אמת (אדער עס קאן זיין) אז די גאנצע וועלט איז א דמיון. אבער אין דעם דמיון ש ט ע־ה ע ן ד י א י נ צ ע ל נ ע ט י י ל ע ן א י ן ג ע ו ו י־ס ע נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע ש י כ ו ת ' ע ן. די בעריכטען וועגען די שיכות'ען קאנען זיין אמת'ע און פאלשע,—אזעלכע וואס שטימען צונויף מיט די נויטוועגדיגע שיכות'ען און אזעלכע, וואס געהען להיפך צו זיי. איך, דער דמיון פון אן אויספארשער, בין פעראינטערעסירט, אז ער, דער דמיון פון א פערברעכער, זאל געבען דעם דמיון פון א געטרייען, אמת'ען בעריכט; און ער, דער דמיונ'דיגער פערברעכער איז דמיונ'דיג פעראינטערעסירט, ער זאל געבען א דמיונ'דיגען פאלשען בעריכט".

ווי איהר זעהט, בלייבט דא די נפקא מיניה צווישען אמת און שקר דיזעלביגע. דער רעוואלוציאנער סידאראוו איז א דמיונ'־דיגער אמת און דער סוחר איוואנאוו איז א דמיונ'דיגער שקר. ווי איהר זאלט זיך ניט שטעלען צו דער פראגע וועגען דער רעאלי־טעט פון דער דרויסענדיגער וועלט.

מחמת דעמזעלביגען טעם וועט א סאליפסיסט מיט א טהוט־וועהען צאהן א מינוט ניט נתפעל ווערן פון דעם, וואס די גאנצע וועלט איז א דמיון: ער וועט מאכען א דמיונ'דיגען גאנג צו א דמיונ'דיגען צעהן־דאקטאר, וואס וועט מיט א דמיונ'דיגער צוואנג דמיונ'דיג ארויסרייסען דעם דמיונ'דיגען צאהן און ער וועט דערביי זיך נאך ניט שעמען צו זאגען: „עס איז מיר ב א מ ת גע־ווארען א ליכט אין די אויגען".

דער סקעפטיציזם אין דער זינליכער דערקענטניס און דער־הויפט בנוגע דער פראגע וועגען דער רעאליטעט פון דער דרוי־סען־וועלט איז ווי א גרויסער אלגעבראאישער אויסדרוק, וועלכער

האָט אין זיך א סך פּאָזיטיװע און נעגאַטיװע צאָהלען, װאָס זענען אַלע אַרום גענומען געװאָרען מיט האַלבע לבנות און פאַרזאָרגט געװאָרען מיט א קאָעפיציענט גלייך נול. א דאַנק דער נול, װאָס נעהמט זיי אַלעמען אַרום, איז די פּלוס איינס געװאָרען א נול און די מינוס איינס געװאָרען א נול. אָבער אז איהר רעכענט זיך מיט דעם אויסדרוק גופא און קוקט ניט אויף'ן קאָעפיציענט, יעמאָלט זענען (+) און (—) צװיי הפכים, װאָס קענען ניט פאַרביטען װערן איינער מיט דעם אַנדערן. דאָס איז מיט דער זיבּליבער דערקענטניס.

עס װאָלט מיר אָבער אויך זעהר לייכט געװען צו בעװייזען, אז דיזעלביגע זאַך איז ריכטיג פאַר אַלע איינצעלנע מיינונגען, װאָס קאָנען שפּיעלען א ראָליע אין דער װיסענשאַפט און אין דער טעכניק. אַן אינזשעניער, א ראַדיקאַלסטער סקעפּטיקער, װעט א מינוט ניט בעצװייפלען די געזעצען פון דער מעכאַניק און דער מאַטהעמאַטיק, װעלכע ער װענדעט אַן ביי דעם בוי פון א בריק. ער װעט זיך ניט פרעגען סקעפּטיש: „טאָמער איז צװיי מאָל צװיי פינף, טאָמער האַלט אוים איין אייזערנע קעיט װעניגער געװיכט, איידער א באַװעלנער פאָדים?"

זיין סקעפּטיציזם געהט אויף דעם גאַנציען סכום פון דער מענשליכער דערקענטניס, אָבער ניט אויף די איינצעלנע שיכות'ען, װאָס עקזיסטירען צװישען איהרע איינצעלנע טיילען. די בעריכטען װעגען די איינצעלנע שיכות'ען קאָנען זיין אמת'ע און פאַלשע, — אַליין איינס, צי די גאַנצע מענשליכע דערקענטניס איז אמת אדער פאַלש.

טרעט מען אָבער צו צו דעם אמת־פּראָבלעם אַט פון דעם שטאַנדפּונקט, בלייבענדיג ביי די פראַגען װעגען דער איינצעלדערקענטניס און לאָזענדיג אָן א זייט די גרויסע פּראָבלעמען פון דער דערקענטניס בכלל, קאָנען מיר, װי מיר דוכט, אויסאַרבייטען א געװיסען בליק אויף אמת און פאַלש, װאָס קאָן אויסהאַלטען די אַטאַקע פון דעם פערביסענדסטען סקעפּטיקער.

בעשרייבען דעם װעג, װי אזוי מיר קומען צו אזא בליק, — דאָס געהערט אין א ספּעציעלער אונטערזוכונג. דאָ מוז איך מיך בענוגענען מיט א פּאָר רעזולטאַטען אין דער פאָרם פון אַלגע-

מיינע בעמערקונגען, וואָס וועלען אונז קלאָר מאַכען דעם ענין פון יענעם אמת, וועגען וועלכען מיר רעדען היינט.

דער אמת בכלל איז אפשר אויך—ווי דאָס וויל דער דאָגמאַטיקער—א געטרייער בעריכט וועגען א פאַקטישען צושטאַנד אין דעם וועלט־געשעהען, אבער קודם כל און מעהר פאַר אלץ איז ער א געטרייער בעריכט וועגען דעם, וואס איך „מוז" אנערקענען וועגען א וועלכען עס איז ענין אין דער וועלט. דער אמת אין דער זינליכער דערקענטנים איז א געטרייער בעריכט וועגען דעם, וואָס איך „מוז" אויפנעהמען מיט מיינע חושים פון א וועלכער עס איז ערשיינונג. דער אמת פון דעם שכל איז דער טרייער בעריכט וועגען דעם, וואָס איך „מוז" ט ר א כ ט ע ן וועגען דער דאָזיגער ערשיינונג, און דער אמת פון דעם ווילען, אדער דער אמת פון דעם הארצען, איז א געטרייער בעריכט וועגען יענע ענינים און ערשיינונגען, וואָס איך „מוז" זיי ווילען, וואָס איך מוז צו זיי שטרעבען. און דאָרטען, וואו מיר געפינען אזא „מוז", האָבען מיר פאַר זיך אַן אמת.

אין וואָס בעשטעהט דער דאָזיגער „מוז", וועלכען איך קאָן ניט אוועק'פשט'לען מיט קיינע ספקות? מיט וואָס פאַר א טהעאָרעטישען רעכט גלויב איך יענעם „מוז"? אונטער וועלכע בעדינגונגען ווערט יענער „מוז" אין מיר בעשאַפען?—דאָס זענען אלץ ספּעציעלע פראגען, וואָס געהערען אין א ספּעציעלער פאָרשונג. וויכטיג איז צו געדענקען דעם כלל, אז אין דעם „מוז" ליעגט דער תמצית פון דעם אמת, אז ניט י ע ד ע ר זינליכער איינדרוק, ניט י ע ד ע ר געדאַנק, ניט י ע ד ע וועלעניש פון מיין הארצען איז אמת, און אז די זיכערקייט אין מיין אמת ווערט נאָר יעמאָלט איינגעפעסטיגט אין מיר, ווען מיר ווערט קלאָר ווי דער טאָג, אז יעדער נאָרמאַלער געזונטער מענש, וואָס וועט ערנסט זוכען דעם אמת, וועט אויך מוזען האָבען דיזעלביגע זינליכע איינדרוקען, דיזעלביגע געדאַנקען, דיזעלביגע וועלענישען און געלוסטען ווי איך. האָב איך ניט אָט די קלאָרקייט, איז יעמאָלט בין איך מיר אליין בעוואוסט, אז דאָס איז ניט קיין זיכערער אמת, נאָר בּלויז מיין מיינונג...

שמאק, — קורץ: ניט קיין אַלגעמיין־גילטיגער אמת, וואָס איז א חוב פאר אלע מענשען.

ווען א דאלטאניסט, וואָס ליידט אויף גרין־רויט־פארבענבלינד־קייט, זעהט ניט איין די נפקא מיניה צווישען רויט און גרין, קאָן ער א לאנגע צייט מיינען, אז פאר אלע מענשען אין דער וועלט איז די פארב פון דער מאָהן־בלום און די פארב פון דעם גראָז איין־און־דיזעלביגע פארב. די בעקאנטשאפט מיט אנדערע מענשען, די טויזענדערליי עקספערימענטען, וואָס ער קאָן דורכפיהרען, צוויי־גען איהם אבער איינצוזעהען, אז זיין מיינונג איז אויפגעבויט אויף אַן אינדיווידועלען איינדרוק און אז זיין אינדיווידועלער איינדרוק איז אַן אויסנאהם'ס פאל. זיין שכל מוז דאָ אריין טראָגען א קאררעקטור אין זיינע עמפפינדונגען.

אזעלכע קאָררעקטורען קאָן דאָס דענקען זעהר לייכט אריינ־טראָגען אין די פאקטען פון דער זינליכער דערקענטניס, נאָר ליי־דער איז ניט אזוי לייכט אריינצוטראָגען זיי אין די אמת'ען פון דעם שכל און די אמת'ען פון דעם הארצען. אבער אלע מאָל, ווען איינער זוכט ערנסט דעם אמת און וויל ניט אָבנארען זיך אליין, מוז ער זיך פרעגען: האלט איך דעם געדאנק פאר אמת נאָר דער־פאר ווייל ער געפעהלט מ י ר, פלוני בן פלוני, אין אַט דעם געגעבענעם מאָמענט, אדער ווייל איך ווייס אויף זיכער, אז, אויף וויפיעל מען קאָן אויסגעפינען דעם אמת איבערהויפט, „מוז“ יע־דער מענש דענקען אזוי ווי איך? און נאָר יעמאָלט, ווען איך פיהל, אז איך בין דאָ ניט דער אינדיווידואום, „פלוני בן פלוני“, נאָר דער רעפרעזענטאנט פון דעם מין מענש בכלל, פון דעם נאָר־מאלען, געזונטען, אמת־זוכענדען מענשען; נאָר יעמאָלט ווען איך האָב דורכגענומען אלע פאקטען און דורכגעטראכט אלע ארגומענ־טען און האָב איינגעזעהען, אז איך קאָן ניט אנדערש דענקען, איי־דער איך דענק, נאָר יעמאָלט האָב איך די געוויסהייט, אז איך האָב אויפגענומען אַן אמת.

אמת, אָט די קלאָרקייט, אז מ י י ן אמת איז דער אלגעמיין־מענשליכער אמת, איז זעהר אָפט און אפשר אלע מאָל ניט מעהר ווי אַן איללוזיע, א נויטווענדיגע איללוזיע, ווי די, ווען איך זעה, אז די זון איז די גרויס ווי א טעלערל. אבער אזא איללוזיע א י ז

דער נויטווענדיגער בעדינג פון דעם אמת, פון וועלכען דער מענש קאָן זיך בשום אופן ניט אָבזאָגען.

זעה איך, אז דער אנדערער טרעט ארויס מיט א געדאנק, וואָס איז פונקט דער היפך פון מיינעם און טרעט ארויס מיט דער־זעלבינער איללוזיע, אז זיין געדאנק איז דער אמת, ד. ה. אזא געטרייער בעריכט וועגען א וועלכען עס איז ענין, וואָס איז א „מוז" פאר יעדען דענקענדען, געזונטען, נאָרמאלען, „אמת"־זוכענדען מענשען,—מוז איך קודם בעקאַנט ווערן מיט אלע זיינע ארגומענטען. אויב זיינע טעמים זענען אקוראט אזוי שטארק ווי מיינע,—יעמאָלט זינקען אראבביידע אונזערע אמת'ען צו דער מדרגה פון א פערזענליכער מיינונג. זענען זיינע טעמים שטאר־קער פאר מיינע, יעמאָלט, פערשטעהט זיך, האָט ער דעם אמת און איך מוז צושטעהן צו איהם. פיהל איך אבער אז מיינע ארגומענטען זענען שטארקער און זענען גובר די קראפט פון זיי־נע, יעמאָלט ערוואַרט איך, אז ער זאָל צושטעהן צו מיר.

אין דערין בעשטעהט די ווירקונג פון דער פראפאגאנדא, דער פאקט, וואָס מענשען זאגען זיך אָב פון אלטע געדאנקען און נעהמען אן נייע. אויך דאָ, פערשטעהט זיך, מוז איך צוגעבען, אז הינטער די טעמים און די ארגומענטען ליעגען פערבאָרגען נאָך אנדערע סוביעקטיווע מאָמענטען, וואָס מאכען, אז איך זאָל אפשר ניט קאָנען אבשעצען די אמת'ע קראפט פון זיינע ארגו־מענטען און ער זאָל אפשר מוזען נעהמען אויף א צו לייכטער אקסעל די גאנצע וואָג פון מיינע טעמים. אין אזא פאָל בלייבען מיר ביידע ביי אונזערע אמת'ען, יעדער ביי זיין געדאנק, וואָס איז פערבונדען מיט דער איללוזיע, אז ער און נאָר ער איז דער נויטווענדיגער „מוז" פאר יעדען מענשען, און קיינער קאָן אונז דאָ ניט העלפען: מיר מוזען קעמפפען איינער אנקעגען דעם אנ־דערען. דאָס העכסטע, וואָס די געגנער קאָנען אין אזא צונויפ־שטויס פון פערשיידענע אמת'ען פערלאנגען איינער פון דעם אנ־דערען איז—די טאָלעראַנץ: קיינער זאָל קיינעם ניט צווינגען אנצונעהמען אן אמת, וואָס געהט להיפך צו דעם איינענעם געוויסען,—די טאָלעראנץ און דער ביידעזייטיגער טיע־פער רעספעקט אין דעם אונפערמיידליכען הייסען קאמף.

און אקוראט אזוי, ווי איך מוז איינזעהען, אז פערשיידענע מענשען קאָנען זיין געצוואונגען צו דענקען פערשיידען וועגען איין־און־דעמזעלבּיגען ענין, אזוי מוז איך אויך צוגעבען, אז צו פערשיידענע צייטען האָבען די מענשען געמוזט האָבען פערשיידענע אמת׳ען—און די געשיכטע בעווייזט אונז, אז אזוי איז עס טאקי געוועזן.

אבער אלע מאָל, ווי פערשיידען די אמת׳ען זאָלען ניט זיין ביי פערשיידענע אינדיווידועז און צו פערשיידענע צייטען,—אלע מאָל איז דער אמת ארויסגעטראָטען מיט דער גדלות׳דיגער זיכערקייט, אז מען „מוז“ איהם אנערקענען און אז ער איז א חוב פאַר יעדען נאָרמאַל דענקענדען מענשען.

א ביישפּיעל וועט נאָך אפשר בולט׳ער ארויסברענגען דעם־זעלביגען געדאנק. לאָמיר זיך אריבער טראַגען אין די צייט פון דער אלט־עגיפּטישער ציוויליזאציע, ווען עס איז שוין אויסגעוואַקסען א טיעפע און ריינע רעליגיעזע פּאָרשטעלונג וועגען די ערשיי־נונגען פון דער וועלט.

די לבנה איז יעמאָלט געוועזן אין די אויגען פון די געבילדעטע עגיפּטער ניט קיין פּלאַנעט פון דער ערד, נאָר א געטין, א „הימ־לישע קוה“, פון וועלכער עס האָבען געפּלאָסען אויף דער ערד „די שפע פון די בריסט און פון דער טראכט“, די ברכות שדים ורחם. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אין יענער צייט איז ביי איינעם אן עגיפּטער פּלוצלינג דורכגעפלויגען דער געדאנק, אז די לבנה איז גאָר ניט קיין הימלישע קוה, אז דאָס איז גלאט אזוי זיך א שטיק חומר, וואָס דרעהט זיך ארום אין דער לופטען. אזא געדאנק איז גאַנץ געווים נאָהענט צו אונזערע געדאנקען וועגען דעם ענין, ד. ה. צו דעם אמת פון אונזער צייט. וואָלט דאָס אבער אויך געוועזן אן אמת אין יענער צייט? בשום אופן ניט! ווייל אויב יענער עגיפּטער וואָלט זיך אליין געפרעגט וואָס ער מ ו ז טראכטען וועגען דער לבנה, וואָס י ע ד ע ר מענש מוז טראכ־טען וועגען איהר, וואָלט ער געמוזט אָנווענדען די זיכערסטע פאַק־טען און די זיכערסטע ארגומענטען פון זיין צייט, ד. ה. אלע יענע פאקטען און ארגומענטען, וואָס אין זיי האָט יעמאָלט קיין בר־דעת ניט געקאָנט צווייפלען. אָבער אלע יענע פאַקטען און אר־

גומענטען, האָבען געמוזט פיהרען צו דעם רעזולטאַט, אז די לבנה איז ניט „גלאַט אַ שטיקעל חומר“ נאָר, דוקא אַ געטין, דוקא אַ הימלישע קוה. זיין געדאַנק וואָלט יעמאָלט געווען ניט קיין אמת, נאָר גלאַט אזוי אַ געפּלאַפּל פון אַ לייכטזיניגען מענשען.

און ווען אין יענע צייטען וואָלט געלעבט אַ סקעפּטיקער, וואָס וואָלט אריין געוואָרפען אין צווייפעל די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער וועלט און די גאַנצע מעגליכקייט פון דער מענשליכער דערקענטניס (די אַלטע אינדיער האָבען שוין געקאָנט דעם קונץ), וואָלט ער זיך געמוזט זאָגען, אַז אויב עס איז דאָ אַ וועלט און אויב אונזער שכל קאָן משיג זיין די ערשיינונגען אין איהר, איז יעמאָלט די לבנה גיט קיין אנדער זאַך, ווי די הייליגע שפּע־שענקענדע קוה, ווי אונזער שכל איז דאָס אונז מחייב צו דענקען.

און אקוראַט אזוי וואָלט זיך אויך יעדער בר־דעת יעמאָלט אויסגעלאַכט פון יעדען איינעם, וואָס וואָלט געלייקענט די געט־ליכקייט פון דער לבנה, ווי מיר לאַכען זיך אויס, ווען מיר הע־רען די מיינונג, אַז די לבנה איז ניט מעהר ווי דאָס, וואָס זי שטעלט פאַר פאַר אונזערע זינען, ד. ה. אַ ליכטיג זילבערן טעלערל, וואָס שווימט אין דעם בלאָהען אזור.

עס איז דעריבער ערקענטניס־טעאָרעטיש ריכטיג, ווען מיר זאָ־גען, אַז די זאַך פאַר דעם דענקענדען מענשען איז ניט דאָס, וואָס זי איז און ווי זי איז אין זיך גופא, און אויך ניט דאָס, וואָס זי שטעלט פאַר פאַר זיינע חושים, נאָר דאָס וואָס ער, דער דענ־קענדער מענש, איז געצוואונגען צו דענקען וועגען איהר. פאַר דעם עגיפּטער איז די לבנה געווען אַ געטין, אַ הימלישע קוה, פאַר די אַלטע רוימער אַ געטין—דיאַנא—אַ יעגערין; פאַר די אַל־טע אידען, אַ לאָמפּ—אזא, אָנגעצונדען פון גאָט, פאַר די שפּע־טערדיגע דורות פון דער מענשהייט איז זי געוואָרען אַ מיט־דריי־ענדער פּלאַנעט, וואָס דרעהט זיך מיט דער ערד ארום דער זון.

די אמת׳ען פון אונזערע חושים זענען דעריבער, פון אַ הע־כערען שטאַנדפּונקט געזעהען, בעדינגט פון די אמת׳ען פון אונ־זער שכל, און דער אמת פון דעם שכל האָט אין זיך אזא מאַכט, וואָס קאָן געהן להיפך אפילו צו די טאָג־טעגליכע דאַטען פון אונ־זערע זינען.

עס איז אין דער גאַנצער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק אפשר ניטאָ קיין שעהנערער קאַפּיטעל, איידער דער, וואָס דערצעהלט אונז, ווי אזוי דער אמת פון דעם שכל, וועלכען קאָפּערניק האָט ארויס געבראַכט, האָט, נאָך דורות פון קאַמף און פיין, סוף־כל־סוף גובר געווען דעם אמת פון די חושים.

טראַכט זיך אריין אין דער לאַגע פון דער גייסטיגער וועלט. בעת אין איהר האָט זיך אריין געריסען קאָפּערניק'ס טהעאָריע! ווי האָט די טעאָריע געשלאָגען אין פּנים אריין אַלץ, וואָס דער מענש האָט געוואוסט און געגלויבט אזוי זיכער, אַלץ, וואָס ער זעהט טאָג־טעגליך מיט זיינע אייגענע אויגען!

די ערד רוהט אייביג אויף איהרע גרונד־פעסטען. ארום דער ערד דרעהט זיך די זון. מיר זעהען אַלע טאָג, ווי זי געהט אויף אין מזרח, וואַנדעלט איבער דעם הימעל'ס געוועלב און פאַרגעהט אין אָוועגד אין מעריב־זייט. און דער געזונדער מענשליכער פערשטאַנד זאָגט אונז אויך, אז די ערד געפינט זיך תמיד אין רוה. אויב זי וואָלט זיך געדרעהט, אין שווינדעלנדער גיכקייט, ווי קאָפּערניק וויל דאָס,—ווי וואָלטען דאָס מענשען ניט געמערקט? ווי וואָלטען זיך געקאָנט האַלטען אויף איהר די איינצעלנע זאכען? ווי וואָלטען זיי ניט אראבגעשליידערט געוואָרען פון איהר אין איהר שטורמישען געיעג?

און ניט נאָר די זינען און דער גאַנצער פערשטאַנד האָבען אונז עדות געזאָגט, אז די ערד שטעהט און די זון דרעהט זיך. דער הייליגסטער מקור פון אַלע אונזערע העכערע אמת'ן אין יענער צייט, — דער רעליגיעזער גלויבען, סיי דער אידישער, סיי דער קריסטליכער, — האָט אויך געפאָדערט, מיר זאָלען בלייבען טריי דעם געוועהנליכען, טאָג־טעגליכען בליק פון דעם שכל הישר.

איז אפשר די וויסענשאפט, די אסטראָנאָמישע בעאָבאכטונג, נעגאַנגען להיפך צו די טאָג־טעגליכע עדות פון אונזערע אויגען און צו די הייליגע געבאָטען פון קירכליכע אויטאָריטעט און האָט געפאָדערט קאָפּערניק'ס טהעאָריע?

אויך דאָס ניט! די שווערקייטען צו דערקלעהרען אַלע הימעלס־ערשיינונגען פון דעם אלטען, פּטאָלעמעאישען שטאַנדפּונקט האָבען די געלעהרנטע אסטראָנאָמען, אמת, געשפּירט, אבער גאָר

אומדערקלעהרבאר זענען זיי ניט געווען. אויף דער פטאָלעמעאי־שער טעאָריע פלעגט מען אלע וויילע לעגען א לאַטע נאָך א לאַטע, גרויסע טיילען פלעגט מען איבערשניידען און איבערנעהען אויף׳ס ניי, אנדערע טיילען צושטוקעווען פון א פרישען מאַטעריאַל, — די „ציקלען" און „עפי־ציקלען" פון היפּפּארך און פטאָלעמעי,—אבער סוף־כל־סוף פלעגט מען דאָך ארויסברענגען א הארמאָנישען צו־נויפקלאַנג צווישען דער הערשענדער טעאָריע און די וויסענשאפט־ליכע פאקטען.

פערגעסען מיר ניט דעם וויכטיגסטען פונקט אין דער גאַנצער געשיכטע פון יענער גייסטיגער רעוואָלוציע: קאָפּערניק האָט ניט געבראַכט קיין איין נייעם פאקט, וואָס זאָל ניט קאָנען אריינגעפּאסט ווערען אין דעם אלטען געדאנקען־סיסטעם. ער האָט איבערהויפּט קיין נייע פאקטען ניט געבראַכט. ער האָט נאָר פאָרגעשלאָגען א נייע טעאָריע, א בעסערע דערקלעהרונג פאר יענע פאקטען, וואָס אלע געלעהרענטע האָבען געוואוסט, וואָס זענען בעקאנט געווען דער געלעהרענטער וועלט זינט עס האָט עקזיסטירט אַן אסטראנאָמישע וויסענשאפט. נאָך מעהר: די טעאָריע איז אין איהר גרונד־געד־דאנק אייגענטליך ניט געווען קיין אבסאָלוט נייע. שוין פּיטהאַ־גאָראַס האָט זי ארויסגעזאָגט. אויך פטאָלעמעי אליין איז געווען גאַנץ גוט בעקאנט מיט איהר. ער האָט נאָר געקוקט אויף איהר, ווי ער האָט ג ע מ ו ז ט קוקען אין זיין צייט: ווי אויף א מ א ט ה ע מ א ט י ש ע ש פּ י ל ע ר ײ.

לאָזט מיך דאָ דערמאָהנען איין איינציגען פונקט,—אמת, איינעם פון די וויכטיגסטע אין קאָפּערניק׳ס טעאָריע, כדי אונז זאָל אין גאַנצען קלאָר ווערן זיין טעאָרעטישער אויפטהו; איך האָב דאָ אין זין די בעוועגונג פון די פּלאַנעטען.

די פשוטע, ריינע בעאָבאַכטונג בעווייזט אונז, אז אויך די פּלאַנעטען בעוועגען זיך ארום דער ערד. זיי געהען אויף און בערגעהען אקוראט אזוי ווי די זון, און זייער וועג ארום דער ערד איז,—ביז אויף א פּאָר קליינע איינצעלהייטען,—אזוי קלאָר און איינפאך, אז עס קאָן גאָר קיינעם ניט ארויף אויפ׳ן זין, חושד צו זיין זיי, אז זיי בעוועגען זיך ניט ארום דער ערד ווי דאָס טהוט צ. ב. די לבנה, נאָר גאָר ארום דער זון.

ביז אויף א פּאָר קליינע איינצעלהייטען! אבער פון זיי, פון יענע קליינינקייטען, איז ביז צו זעהר א גרויסען גראד אָבגע־האנגען דער גורל פון דער גאנצער אַלטער טעאָריע.

איבערגעגעבען אין א קורצער סכעמאטישער פאָרם, איז די מעשה אזא. די בעאָבאכטונג בעווייזט אונז, אז א פּלאנעט בע־וועגט זיך ארום דער ערד אין דער פאָרם פון א קרייז. דאָס לעגט זיך גאנץ גוט אויפ'ן שכל. אבער דער פּלאנעט, אבגעפאָהרען א העלפט פון זיין קרייז ארום דער ערד, פערלאָזט פּלוצלונג זיין וועג און הויבט זיך אָן אויסקירעווען צוריק. אין זיין קירעווען זיך בעשרייבט ער א קליינעם קרייז, קומט ווידער ארויף צו דעם פּונקט, אין וועלכען ער איז אראבגעקראָכען פון וועג, און נעהט זיך ווידער אין דערזעלביגער ריכטונג ארום דער ערד. ער פער־פּלאָנטערט אויף אזא'ן אופן זיין אייגענעם וועג מיט אן אבסאָלוט איבעריגער בעוועגונג, וואָס זעהט אויס, ווי אן אויגעל פון א זאָק. די זעלביגע געשיכטע פּאסירט מיט איהם צו דעם סוף פון זיין וועג. אויך דאָ דרעהט ער זיך פּלוצלונג אויס, פערפּלאָנטערט זיין וועג מיט נאָך אן אויגעל און קומט ארויף אויף זיין אויס־גאנגס־פּונקט. און אזוי אין יעדען ציקל, וואָס ער מאכט ארום דער ערד.

וואָס פאר א זין האָט דער קירעווען זיך און דרעהען זיך. דאָס שטריקען אויגלעך אין זיין אסטראָנאָמישען לויף? דאָס איז געווען די הארבע שאלה, וואָס האָט געמאכט אזוי פיעל קאָפּ־ברע־כענים דער אַלטער אסטראָנאָמישער טעאָריע. אבער א תירוץ אויף דעם האָט זי געפונען, און דער תירוץ איז געווען ניט ער־גער און ניט בעסער, איידער אַלע אנדערע תירוצים און פּלפּולים, מיט וועלכע די וויסענשאַפט פון יענער צייט האָט זיך בעדיענט.

און דאָ איז געקומען קאָפּערניק און האָט געמאכט א סוף צו די גענייאלע פּלפּולים פון דעם תירוץ, ווייל ער האָט אָבגעשאפט די גאנצע שאלה. דער פּלאָנטער פון די אויגלעך, האָט ער גע־לערנט, קומט גאָר ניט פאר אין דער ווירקליכקייט. מיר זעהען זיי דערפאר, ווייל מיר בעטראכטען זיי פון דער ערד און מיר מיינען, אז די פּלאנעטען דרעהען זיך ארום איהר. לאָמיר אבער אָננעהמען, אז די פּלאנעטען דרעהען זיך ארום דער זון, און אז די ערד, וואָס

געפינט זיך אין אַ געוויסער לאַנגע צווישען זיי, דרעהט זיך אויך אין אַ קרייז ארום דערזעלביגער זון. יעמאָלט קאָן מען מאַטעמאַטיש אויסרעכענען און בעווייזען אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פּלאַנע־טען, וואָס דרעהען זיך אַרום דער זון אין אַ קרייז, פערלאָזען קיין מאָל ניט זייער וועג און, צווייטענס, אַז אין געוויסע צייַ־טען פון זייער בעוועגונג, מוז אַ דאַנק דער בעוועגונג פון דער ערד און איהר יעמאָלטדיגער לאַגע צווישען זיי, אונז, ערדענקינדער, אויסדוכטען, אַז די פּלאַנעטען ווערען פלוצלונג אונטריי צו זייער אייגענער טבע און הויבען זיך אָן צו בעוועגען להיפך צו זייער איינענעם געזעץ.

ווי איינפאַך און געניאַל די דערקלעהרונג זאָל ניט זיין אין אונזער איצטיגע אויגען, האָט זי אין יענער צייט געמוזט אויס־קומען, אויב ניט ווי אַ פּלאָנטער און אַ פּלפּול, לכל הפחות, ווי אַ פאַנטאַסטישע משוגעת, ווייל זי האָט געצוואונגען אוועק צו שטע־לען מיט'ן קאָפּ אראב, מיט די פיס ארויף, אַלע יסודות פון דער יעמאָלטדיגער וויסענשאַפט.

און צוליעב וואָס? — ניט צוליעב דעם, מען זאָל איבערהויפּט קאָנען פערשטעהן און פאַראויסזעהן געוויסע הימעלס־ערשיינונגען, ד. ה. בעפריעדיגען די אינטערעסען פון דער ריינער וויסענשאַפט. פערשטעהן און פאָראויסזעהען האָט מען געקאָנט אויך מיט דער אַל־טער טעאָריע. קאָפּערניק האָט נאָר געוויעזען אַ וועג, ווי אַזוי בעסער און בעקוועמער צו ד ע ר ק ל ע ה ר ע ן אַלע פערפּלאָנ־טערטע ענינים אין דער יעמאָלטדיגער אַסטראָנאָמיע. איז דען דער בעסערער און לייכטערער פירוש, די בעקוועמליכקייט פאַר'ן שכל,—אויב איהר ווילט, דער לוקסוס פונ'ם טעאָרעטישען גע־דאַנק,—אַזאַ אומבעדינגט נויטוועגדיגע זאַך, אַז צוליעב איהם, צו־ליעב דעם לוקסוס זאָל מען זיך אָבזאָגען פון אַלע עודות פון די חושים, פון אַלע אַרגומענטען פון דעם מענשליכען שכל הישר, פון אַלע געבאָטען פון דער הייליגער רעליגיע און פון אַלע הונדערט, יע, טויזענט־יעהריגע טראַדיציעס פון דער וויסענשאַפט, און זיך פערטרויען אַ געדאַנק, וואָס ברענגט מיט זיך אַ רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג?

ווייל וואָס מעהר מען האָט זיך אריין געטראַכט אין קאָ־

פּערניק׳ס טעאָריע, וועלכע די וויסענשאַפטליכע וועלט, ווי אויך די רעליגיע, (קאָפּערניק האָט געווידמעט זיין בוך דעם פּויפּסט) האָבען פריהער בעטראַכט ניט מעהר ווי אַן אינטערעסאַנטען דרש אויף דער אַסטראָנאָמישער וויסענשאַפט,—אַלץ מעהר האָט מען גע־מוזט איינזעהען, אַז זי גראָבט אונטער די וואָרצלען פון דעם קאַ־טוילישען רעליגיעזען גלויבען.

זי טהוט דאָס ניט אזוי דורכדעם, וואָס זי שטעלט זיך אין אַ ווידערשפּרוך צו געוויסע פּסוקים אין דער הייליגער תורה: די פּסוקים וואָלט מען שוין ווי עס איז געקאָנט אויסטייטשען און דעם ווידעראָנאַנד אוועק־טייטשען. „דברה תורה בלשון בני אדם“, —די תורה האָט זיך צוגעפּאַסט צו דעם יעמאָלטדיגען מענשליכען פערשטאַנד, איז אַ גאַנץ גוטער אויסדרעה אין אַלע אַזעלכע פעלען.

דער גיפטיגער אַנטי־רעליגיעזער סם פון קאָפּערניק׳ס טעאָ־ריע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיין גרונד־געדאַנק שאַפט איי־גאַנצען אָפּ דעם יסוד פון יעדער אַלטער רעליגיע,—ד ע ם ח ל ו ק צ ו י ש ע ן ה י מ ע ל א ו ן ע ר ד. די ערד איז געוואָ־רען אַקוראַט אַזאַ שטערן, ווי אַלע אַנדערע. זי איז שוין ניט א ו נ ט ע ר דעם הימעל, נאָר א י ן דעם הימעל, און די שטערען, דערהויפּט די פּלאַנעטען אויף וועלכע מען האָט פריי־הער געקוקט, ווי אויף רוחניות׳דיגע הימלישע וועזענס, מיט נשמות און שכל און געהיימע מאַגישע קרעפטען, זענען געוואָרען אַקוראַט אַזעלכע טאָג־טעגליכע, גשמיות׳דיגע קערפּער, ווי די ערד.

די גאַנצע וואונדער־וועלט פון די הימלישע עקזיסטענצען, אין וועלכער קיין בר־דעת האָט ניט געצווייפעלט, האָט קאָפּערניק אוועקגעשטעלט אין סכנה, און דאָס אַלץ האָט מען רוהיג געזאָלט אַריבערטראָגען ניט צוליעב נייע צווינגענדע פאַקטען, נאָר צוליעב אַ שעהנערען, לייכטערען דרש!

און וועמעס דאגה איז דאָס סוף־כל־סוף, וועד עס דרעהט זיך אַרום וועמען? פאַר דער מענשליכער פּראַקטיקע און דעם מענש־ליכען לעבען איז דאָך אַבסאָלוט קיין נפקא מינה ניט, צי די זון דרעהט זיך, צי די ערד.

טראַכט מען זיך אריין אין די פּסיכאָלאָגיע פון יענער צייט, הערען מיר זיך אויף צו וואונדערן, פאַר וואָס געלערנטע מענשען

מיט קלאָרע, ערנסטע קעפּ האָבען מיט אזא בימערקייט גענומען רודף׳ן די נייע אפּיקוסות, ווי אזוי אזא טיעפער און גרויסער גע־לעהרנטער ווי טיכאָ די־בראהע, האָט געקאָנט אָנרופען דעם קאָ־פּערניקאניזם אַן „אבסורדיטעט.“ אדרבה, מען הויבט זיך אָן צו חדוש׳ען אָהן אַ ברעג, ווי אזוי האָט דאָס איבערהויפּט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז דער מענשליכער שכל זאָל זיך אונטערגעבען און אונטערוואַרפען דעם נייען געפעהרליכען געדאנק, וואָס האָט, פון א ריין וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, איהם גאָר נישט געקאָנט גע־בען, אַ חוץ, — אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען,—אַן אינטע־לעקטועל־עסטהעטישע בעפריעדיגונג.

די דערקלעהרונג פון קאָפּערניק׳ס נצחון ליעגט אין דעם פאַקט, וואָס אין יענעם שכל׳דיגען לוקסוס, אין יענער אינטעלעקטועלער עסטהעטיק איז געלעגען ד ע ר א מ ת פ ו ן ד ע ם ש כ ל. עס איז א ב ע ד ע ר פ נ י ם פאַר אונזער שכל אריינצוטראָגען איינהייט און האַרמאָניע אין דעם כאָאָס פון די איינצעל־ערשיי־נונגען, וועלכע די נאַטור גיט אונז. וואָס איינפאַכער און קלאָ־רער דער פערבינדענדער געדאנק, וואָס מעהר איינצעל־ערשיינונגען ער נעהמט ארום און בעליכט מיט איין מאָל, אלץ בעסער ווערט בעפריעדיגט יענע בעדערפנים פון אונזער שכל, און דערפאַר איז דער קאָפּערניקאנישער געדאנק געוואָרען א „מוז“ פאַר יעדען דענ־קער און פאָרשער, און דערפאַר האָט ער גובר געווען אלע זיינע קאָנקורענטען, אלע קריטיקען, וואָס האָבען אויפגעוויזען זיין אומ־געלומפּערטקייט, אלע הייליגע טראַדיציעס, וואָס זענען איהם גע־שטאַנען אין וועג, אלע אינקוויזיציאָנע פּלאַקערס און מאַטער־ניסען, וואָס זענען געווען אנגעגרייט פאַר זיינע אדעפּטען. דער אמת האָט דורך זיין אייגענער מאכט ג ע מ ו ז ט ארויפשווימען, ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער.

— איז דער קאָפּערניקאנישער געדאנק אַן אבסאָלוטער אמת? — מיט א צייט צוריק וואָלט אזא שאלה געקלונגען לעכערליך אין די ליפּען פון א מענשען, וואָס האָט א ברעקיל פּרעטענזיע אויף בילדונג און וויסענשאַפטליכען דענקען. איצטער ווערט די שאלה שוין גאָר ניט פערשפּאָט. איך רעד דאָ ניט פון יענעם אבסאָלוטען אמת, וואָס וויל ארויסקריכען פון זיין מענשליכער הויט און אריינדרינ־

נען הינטער דעם פּרוכת פון די ערשיינונגען און דערקענען די זאַך ווי זי איז מחוץ פון דער מענשליכער דערקענטניס.

איך מיין דאָ דעם אמת אין אַ בעגרעניצטערען און פערנינפּטיגערען זין פון דעם וואָרט. איז שוין פאַר דער וויסענשאַפטליכער אסטראָנאָמיע אויף אייביג אָבגעפּסקן'ט, אַז די זון שטעהט און די ערד דרעהט זיך אַרום איהר? ערנסטע דענקער שעהמען זיך ניט אוועקצושטעלען די שאלה פראַנק און פריי, און פּעטצאָלד, צ. ב., דער טאַלאַנטפולער תלמיד פון דעם עמפּיריאָ־קריטיקער אַווענאַריוס, בעווייזט אונז, ווי אַזוי די אַלטע פּטאָלעמעאישע טעאָריע קאָן ווידער געווינען איהר רעכט אין דער וויסענשאַפט. און עס זענען שוין געמאַכט געוואָרען פערזוכען צו דערקלעהרען די אסטראָנאָמישע ערשיינונגען אויף אַן אַנדער אופן, איידער דער, אין וועלכען מיר גלויבען איצטער, זינט קאָפּערניק'ס טעאָריע האָט געזיעגט.*)

על כל פּנים שרעקט זיך איצטער קיינער ניט פאַר דעם געדאַנק, אַז עס קאָן ווען עס איז אַרויסוואַקסען נאָך אַן אַנדער אַסטראָנאָמישע טעאָריע, וואָס וועט נאָך בעסער בעפריעדיגען די בעדערפעניסען פון דעם מענשליכען שכל, איידער די קאָפּערניקאַנישע, און אָבשטופּען אין דעם עבר אַריין אונזער היינטיגען אַסטראָנאָמישען אמת, ווי קאָפּערניק האָט אָבגעשטופּט פּטאָלעמעען.

הערט דערפאַר אונזער היינטיגער אמת אויף צו זיין אַן אמת? אויב מען זאָל זיך פער'עקשנ'ען און פאָדערן, אַז דער אמת דאַרף געטריי אָבשפּיעגלען יענע וועלט־ווירקליכקייט, יענעם פאַקטישען

---

*) איך האָב דאָ אין זינען דר. קאַרל נעיסערס ווערק: „פּטעלעמעאוס אָדער קאָפּערניקוס? איינע שטודיע איבער די בעוועגונג דער ערדע אונד איבער דען בעגריף דער בעוועגונג". לייפּציג, 1907. זיין שטאַנדפּונקט גיט ער איבער בקיצור אין דעם פאָרוואָרט: „זאָוואָהל די פריהערע אַננאהמע פאָן דער בעוועגונג דעם היממערס אלס אויך די שפּעטערע פאָן דער בעוועגונג דער ערדע, יעדע אין איהר איינזייטיגקייט איסט אונהאלטבאר. אייגענטליך קאַן מאַן בלאָס שפּרעכען פאָן פערענדערונגען דער לאגע צווישען היממעל אונד ערדע. די פּטאָלעמאַישע טהעזע אונד די קאָפּערניקאנישע אנטי־טהעזע ווערדען דאמיט אין איינער סינטהעזע אויפגעגאַנגען", ז. 3.

צושטאַנד אין דעם וועלט־געשעהען, וואָס ליעגט מחוץ פון אונזער דערקענטניס, איז אפשר טאַקי ניט נאָר דער קאָפּערניקאַנישער סיסטעם, נאָר אויך דער נאָך בעסערער סיסטעם, וואָס וועט אפשר פערנעהמען זיין פּלאַץ ביי אונזערע אור־אייניקלעך, גאָר אַ ברעקעל ניט קיין אמת. אָבער ווער קאָן ווען עס איז וויסען עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן ניט אַריינגענומען ווערן אין דעם וויסען?

אויב אָבער דער אמת פון דעם שכל בעשטעהט אין דעם אויסגעפינען, ווי אַזוי דער אָדער יענער ענין מוז זיך על פּי נויט־ווענדיגקייט אָבשפּיעגלען אין דער מענשליכער דערקענטניס, איז דער קאָפּערניקאַנישער סיסטעם אַן אמת׳ער אמת, ווייל ער שפּיע־געלט נאָך עד היום געטריי אָב ניט דעם פּאַקטישען צושטאַנד פון יענעם וועלט־געשעהען, וואָס בעשטעהט אין דעם גאַנג פון די שטערען און פּלאַנעטען, — ווער ווייס זיי דאָרטען, ווי זיי גע־העןı? — נאָר יענעם פּאַקטישען צושטאַנד פון דעם וועלט־געשעהען, וואָס בעשטעהט אין דעם בוי פון אונזער מענשליכער דענק־אָרגאַ־ניזאַציע און איהרע בעדערפעניסען צו אַ בעשטימטער צייט, אין דעם סכום פון די פּאַקטען, וואָס זענען אונז בעקאַנט, אין דעם מהות פון די געדאַנקען, וואָס מיר קאָנען געברויכען צו זייער דער־קלעהרונג, — קורץ אין אַלע יענע ווירקליכע בעדינגונגען, וואָס צווינגען איצטער יעדען נאָרמאַלען געזונטען דענקער און פאָרשער צו דענקען וועגען דעם ענין דוקא אַזוי און ניט אַנדערש. „קאָפּער־ניק" איז נאָך אונזער אמת, ניט קוקענדיג אויף די נייע היפּאָטהעזען, אבער אין דעם זין איז אויך פּטאָלעמעי׳ס סיסטעם געווען אַן אמת׳ער מענשליכער אמת, ווייל אויך ער האָט געטריי אָבגע־שפּיעגעלט דעם פּאַקטישען צושטאַנד פון יענעם שטיק וועלט־גע־שעהען, וואָס איז געלעגען אין די דערקענטניס־בעדינגונגען פון זיין צייט. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אמת פון דעם מאָמענט אָן, ווי נאָר עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען קאָפּערניק׳ס געדאַנק אין זיין גאַנצער גרויס און טיעף און ווי נאָר עס איז קלאָר געוואָרען, אַז דער אַלטער סיסטעם איז שוין ניט מעהר קיין מ ו ז פאַר דעם נאָרמאַלען מענשליכען דענקען. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך די שכינה פון אמת אָבגעטהאָן פון איהם און איז אַריבער צו זיין געגנער, און מיט איהר, מיט דער שכינה, מיין איך, איז אויך אַרי־

בער יענע מאַכט איבער די מענשליכע מוחות, וואָס ליעגט אין איהר פערבאָרגען.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אָבגעשטעלט אויף דעם בייספּיעל מיט קאָפּערניק'ס טעאָריע, ווייל זי גיט אַזאַ זעלטען שעהנע גע־לעגענהייט צו אילוסטרירען דעם מהות פון דעם מענשליכען אמת, ווי אויך זיין אַלץ בעצווינגענדע קראַפט.

ווי אַזוי האָט קאָפּערניק'ס טעאָריע סוף־כל־סוף גובר געווען אַלע איהרע געגנער? ווי אַזוי האָט זי אָראָבגעטרייסעלט פון זיך אַלע יענע פעלזענע בערג, וואָס מען האָט אָנגעוואָרפען אויף איהר, זי זאָל זיך ניט קאָנען א הויב טהאָן?

פריהער האָט דער אמת געווירקט אין זיין רעוואָלוציאָנערען יוגענדליכען שטאָלץ, אין אָפענעם קאַמפּף אַנטקעגען דער גאַנצער וועלט. אמת'ע מענשען, וואָס קאָנען ניט לייגען ניט זיך, ניט דעם אַנדערן האָבען געטראָגען זיין פאָהן. אָבער די אמת'ע מענשען זענען געפאַלען אין קאַמפּף. דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ'ן האָט די אינ־קוויזיציע פערברענט; גאַלילעאי'ן האָט זי געמאַכט שווייגען. אָבער וואָס מעהר מענשען עס זענען בעקאַנט געוואָרען מיט דעם געדאַנק, אַלץ מעהר אָנהענגער האָט דער אמת גענומען געווינען אין דער שטיל.

מען האָט זיך מיט איהם געשטיקט, מען האָט איהם טויזענט־מאָל אָפען פערלייקענט, אָבער בעהאַלטענערהייד זיך געקוויקט מיט איהם; ערנסטע און פרומע מענשען האָבען איהם געזוכט צו דער־שטיקען אין דער אייגענער ברוסט, און די אינקוויזיטאָרען האָבען זיך געוואָלט אַליין איינרעדען, אַז זיי גלויבען ניט אין איהם. און פּלוצלונג איז ער געוואָרען אַן אַלטבעקאַנטע מעשה. מען האָט אָנגעהויבען עפענטליך צו דיסקוטירען וועגען א קאָמפּראָמיס צווי־שען איהם און די הייליגע טראַדיציעס פון דער רעליגיע, כדי צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די הייליגע טראַדיציעס, וואָס זענען אוועקגעשטעלט געוואָרען אין סכנה. די רע־ליגיע הערט זיך צו. זי איז ניט מסכים אויף קיין קאָמפּראָמיסען. זי וויל בלייבען ביי איהרס, אָבער די גאַנצע געבילדעטע וועלט איז שוין בעקאַנט מיט דעם קאָפּערניקאַנישען געדאַנק און דענקט לויט דעם נייעם אמת. און ווען די וויסענשאַפטליכע אַסטראָנאָמיע הויבט

אַן ערנסט אַנצואווענדען דעם קאָפּערניקאַניזם אין איהרע אונטער־זוכונגען, רופט דאָס שוין ניט אַרויס קיינעמ׳ס פּערוואונדערונג און קיינעמ׳ס פערפּאָלגונג; דער אמת האָט האָט שוין געטהאָן זיינס, ער איז געוואָרען די נאָרמאַלע לאַגע פון דעם געדאַנק, און דעם געדאַנק איז, אַנטקעגען דעם אייגענעם ווילען, געוואָרען שווער אַרויסצו־געהן פון דער נאָרמאַלער לאַגע.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פּרומע קאַטוילישע פּריעס־טער, וואָס זענען אין דערזעלביגער צייט געווען גרויסע געעלרנטע אַסטראָנאָמען, האָבען שוין ניט געקאָנט ווייטער פיהרען זייער ווי־סענשאַפט, סיידען אין קאָפּערניק׳ס וועגען, און זענען געצוואונגען געווען פאַנאַנדער צו שפּאַלטען זייער נשמה אויף צווייען: איין העלפט האָט געהערט דער וויסענשאַפט, דער אַנדערער דעם קריסט־ליך־קאַטוילישען גלויבען. „ווען איך בין אַן אַסטראָנאָם“, האָט איינער פון זיי געזאָגט, „הער איך אויף צו זיין אַ פּריעסטער און ווען איך ווער ווידער אַ פּריעסטער, הער איך אויף צו זיין אַן אַסטראָנאָם“...

אָבער בעת ער איז אַן אַסטראָנאָם, קאָן ער ניט אַנדערש, — ער מוז זיך בויגען אונטער דער מאַכט פון דעם שכל־אמת, אין וועלכען ער גלויבט.

לאָמיר איצטער איבערגעהן צו דער דריטער אַרט אמת, אפשר דער נאָך העכערער און מעכטיגערער, איידער דער אמת פון דעם שכל: צו דעם אמת פון דעם הארצען.

ווי יעדער אמת, איז אויך דער אמת פון דעם הארצען, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ געטרייער בעריכט וועגען דעם, וואָס איך מ ו ז אַנערקענען מכח אַ וועלכען עס איז ענין; אַן אָבשפּיעג־לונג פון אַ פאַקטישען צושטאַנד אין דער ווירקליכער וועלט. אָבער דער ענין איז דאָ אַ גאַנץ אַנדערער איידער דער, מיט וועלכען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען אין דעם אמת פון די חושים און אין דעם אמת פון דעם שכל.

דער פאַקטישער צושטאַנד אין דער ווירקליכער וועלט איז דאָ דאָס מענשליכע הארץ, דער מענשליכער ווילען, און דער אמת פון דעם הארצען בעשטעהט אין דעם געטרייען בעריכט וועגען דעם, וואָס איך בין געצוואונגען צו ו ו ע ל ע ן. דורך דעם גופא שיידט

זיך אין איין פרט דער דריטער מין אמת זעהר בולט אָב פון די צוויי פריהערדיגע מינים, ווי עהנליך ער זאָל ניט זיין צו זיי אין אַלע אַנדערע פרטים. די ערשטע צוויי אַרטען האָבען געהאַט צו טהאָן מיט די בעריכטען וועגען דעם, וואָס עס איז געוועזן, וואָס עס וועט זיין, אָדער וואָס עס איז איצטער דאָ אין דעם וועלטליכען געשעהען. דער אמת פון דעם הארצען אָבער דערצעהלט אונז אין דער ערש־טער ליניע וועגען דעם, וואָס מיר וואָלטען וועלען, אז עפּעס זאָל געשעהען אין דער נאָהענטער אָדער ווייטערער צוקונפט.

ווען יענער געניאַלער ווילדער, וואָס האָט צום ערשטען מאָל אויסגעטראַכט אַ שטיינערנע פייל, האָט געהאַלטען דעם פערשאַרפ־טען שטיינדעל אין זיינע הענד, האָט איהם דער אמת פון דעם שכל געזאָגט נאָר איינס: דאָס איז אַ זאַך, וואָס קאָן זיך אריינ־שניידען אין דעם פלייש פון אַ לעבעדיגער חיה און זי טויטען אויף'ן אָרט. ערשט דער ווילען, אַז דער שאַרפער שטיינ־דעל זאָל זיך אריינשניידען אין דעם ווילד, — און דער וויל־דער יענער האָט געמוזט האָבען אזא ווילען, — האָט אויפגע־פייטשט זיין שאַפונגס־קראַפט און האָט אַרויסגעבראַכט די מיטלען, ווי אזוי זיין ווילען זאָל דורכגעזעצט ווערען אין לעבען.

שוין פון דעם קליינעם ביישפּיעל אליין קאָן איינעם קלאָר ווערען די אומגעהויערע ראָליע, וועלכע דער אמת פון דעם האַר־צען שפּיעלט אין דער מענשליכער קולטור. די גאַנצע מענשליכע קולטור איז דאָך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די אומאַרבייטונג פון דעם וואָס איז ווירקליך דאָ, אין עפּעס אזוינס, וואָס איז נאָך ניטאָ, אָבער וואָס עס זאָל זיין, ווייל דער מענשליכער ווילען איז אין דעם פעראינטערעסירט. אין דעם איבעראַרבייטען דאָס ווירק־ליכע זיין, די מאַטעריעלע זאַכען פון דער נאַטור, אין דעם בעשאַ־פען פון נייע זאַכען, אָדער ריכטיגער אין דעם קאָמבינירען די נאַ־טירליכע פּראָצעסען פון דעם וועלט־געשעהען, שטיצט זיך דער מענש גאַנץ געוויס אויף דעם אמת פון דעם שכל און דעם אמת פון די חושים, אויף דאָס, וואָס ער מוז אויפנעהמען מיט די זינען און אויף דאָס, וואָס ער מוז דענקען וועגען דעם מיט זיין פער־שטאַנד, ד. ה. אויף דער ערפאַהרונג. די ערפאַהרונג האָט איהם בעקאַנט געמאַכט מיט די נאַטירליכע אייגענשאַפטען פון די זאַכען

און מיט דער געזעצמעסיגקייט אין די ערשיינונגען און פּראָצעסען, וועלכע ער האָט געמוזט דערקענען אין דער נאַטור. אָבער די ערפאַהרונג און דאָס לאָגישע דענקען אליין וואָלטען איהם קיינמאָל ניט געפיהרט צו דער ע ר פ י נ ד ו נ ג, צו דעם א ו י ס־ ט ר א כ ט ע ן פון זאַכען און געשעהעניסען, וואָס זענען נאָך ניטאָ: עקס ניהילאָ ניהיל — פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט ארויס־קומען.

די בעאָבאַכטונג און די לאָגיק פאָרמולירען און דערקלעהרען נאָר דאָס וואָס איז דאָ. פון דעם, וואָס איז דאָ, ביז צו דעם וואָס עס איז נאָך ניטאָ, נאָר וואָס עס זאָל זיין, איז אָבער אזא אומגע־היערער מהלך, אז דער טעאָרעטישער געדאַנקען־גאַנג אליין וואָלט איהם קיין מאָל ניט געקאָנט בעוועלטיגען.

דאָס ריין־לאָגישע דענקען, — דאָס איז דער שנעל־לויפענדער אכיללעס, ווי ער מאָלט זיך אוים אין דעם בעקאַנטען ביישפּיעל פון די עלעאַטען, וואָס האָבען געוואָלט בעווייזען די אונמעגליכקייט פון דער בעוועגונג. אויב א שילד־קראָט געפינט זיך א ביסעל ווייטער פון אכיללעס'ן, האָבען זיי געלערנט, קאָן זי בשום אופן ניט אריבערגעיאָגט ווערן פון דעם שנעל־לויפער. ווייל איידער ער זאָל זי אריבעריאָגען, דאַרף ער זי פריהער אָניאָגען. אָבער איי־דער ער דעריאָגט זי, דאַרף ער פריהער קומען צו דעם פּונקט, פון וואַנען זי האָט זיך געלאָזט לויפען. דערווייל איז דאָך די שילד־קראָט אַבגעלאָפען נאָך א שטיקעל שטח: דאַרף אכיללעס אָניאָגען אויך ד ע ם שטח, און בעת אכיללעס לויפט איהם דורך, איז שוין די שילד־קראָט ווידער אוועק פאָראויס, און אזוי געהט זי אַלץ פאָראויס און אכיללעס מוז אייביג בלייבען הינ־טער איהר, ווייל ער האָט פאר זיך נאָך שטענדיג א שטיקעל מהלך צו דערלויפען, ווען אפילו דער מהלך ווערט אַלץ קלענער און קלע־נער.

דאָס ריין לאָגישע דענקען און חשבונען האָבען אויך תמיד א שטיקעל מהלך פאר זיך, וואָס זיי קאָנען קיינמאָל ניט אריבער־שפּרינגען, — דעם מהלך צווישען דעם, וואָס עס איז דאָ, און דעם, וואָס עס זאָל זיין. הייסט דעם לאָגיש־מאַטעמאַטישען פער־שטאַנד, ער זאָל אויפבויען א מאַטעמאַטיש־ריכטיגען קרייז פון,

לאָז זיין, די קלענסטע גלייכע ליניעס. וועט ער פריהער אויפבויען א פיער־עק, דערפון מאכען אן אכט־עק, א זעכצעהן־עק, א צוויי־און־דרייסיג־עק און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. וואס מעהר זייטען און עקען זיין פיעל־עק וועט האבען, אלץ נעהענטער וועט ער ווערען צו דעם קרייז, אבער פון די עקען און די זייטען וועט ער קיינמאל נים קאנען פטור ווערען, און צו א קרייז וועט ער קיין מאל ניט קומען, ווייל די גראדע ליניע איז אינקאממענזוראבעל, לחלוטין נים איין־מאסיג, מיט דער קרומער.

דאס **זיין** און דאס **זאָלען** זענען אקוראט אזוי אינקאממענזוראבעל, ווי די גראדע ליניע און די קרומע. דער לאָגישער פערשטאנד איז צו גראד־ליניג, ער זאל קאנען ארויסברענגען דאס, וואס עס איז נאך ניטאָ, אבער וואס עס **זאָל** זיין. דערצו דארף מען האבען אן אנדער מין דענקען, — די **שעפּפע־רישע פּאנטאזיע**, מיט איהר שוואונג און מיט איהר דרעה, מיט איהר געניאלען שפּרונג, וואס קאנען זיך קיין מאל ניט פערענטפערן פאר דער לאגיק.

בערגסאן וויל האבען, ווי אייך איז אפשר בעקאנט, אז די גאנצע עוואָלוציע פון די לעבעדיגע וועזען, די בעשאפונג פון אלץ נייע און נייע פארמען פון דעם ארגאנישען לעבען, זענען א פּראָדוקט פון אזא וועלט־שעפּפערישער פאנטאזיע. מיר קאנען די ביאָלאָגישע היפּאָטעזען לאזען אן א זייט. פאר דער וועלט פון דער קולטור איז דאס אבער א פאקט, אז אהן דער שעפּפערישער, האלב אונבעוואוסטער פאנטאזיע, וואלט זיך דער מענש ניט געקאנט ארויסרייסען פון דעם טהיער־רייך, ניט געקאנט אויפבויען די צווייטע, נייע און אריגינעלע וועלט, אין וועלכער מיר עטהעמען אין וועלכע מיר רופען אן: די וועלט פון דער מענשליכער קולטור.

און ניט נאר איז די קולטור אונמעגליך אהן יענער אומבעוואוסטער פאנטאזיע. דאס פשוט'ע צוזאמענלעבען פון מענש און מענש, פון חיה און חיה, וואלט אויך געווען אונמעגליך אהן איהר. ווען איך זעה פאר זיך א מענשען און הער זיינע רעד, ווי ער בעקלאגט זיך אויף זיין הונגער, קאן איך מיט דער ריינער לאגיק און מיט דער דערקענטניס־טעאָריע בשום אופן ניט בעווייזען, אז דאס, וואס איך זעה, איז ניט קיין דמיון אין מיר, נאר א רעאלע

ערשיינונג אין דער דרויסענדיגער וועלט, און אויב אפילו א רע־אלע ערשיינונג, אַז דאָס איז אַ לעבעדיג וועזען, אַקוראַט אַזאַ, ווי איך אַליין, און אַז אויב אַ לעבעדיג וועזען, אַז דאָס איז אַ פ ס י ־ כ י ש וועזען, אַ בעוואוסט, דענקענד און פ י ה ל ע נ ד וועזען, און אַז זיינע רעד דריקען אוים אַ צושטאַנד פון זיין נשמה, מיט וועלכען איך בין בעקאַנט פון מיינע אייגענע פּסיכישע איבער־לעבונגען.

די לאָגיק און דער ריינער טעאָרעטישער חשבון וועלען נאָר קאָנען ארויסברענגען, אַז די ערשיינונג, וואָס איך זעה פאַר מיר, איז עהנליך צו מיין אייגענער ערשיינונג, אַז על פי אנאַלאָגיע, מוז איך אָננעהמען די וואַהרשיינליכקייט, אַז זיינע רעד שטאַמען פון אַקוראַט אַזאַ פּסיכישען מקור, ווי מיינע רעד, און אַז זיין הונגער איז ביי איהם מסתמא פערבונדען מיט אַקוראַט אַזעלכע פיינליכע געפיהלען, ווי די, וועלכע איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט.

„על פי אנאַלאָגיע!“, „מסתמא“, „וואַהרשיינליך!“ — ווייטער קאָן די פּאָרזיכטיגע לאָגישע דערקענטניס ניט געהן. זי קאָן אָנקלויבען נאָך מעהר און מעהר ארגומענטען צוליעב דער וואַהר־שיינליכקייט פון דער היפּאָטהעזע, אַז פאַר מיר שטעהט אַ לע־בעדיגער הונגעריגער מענש, אָבער זי קאָן ניט מאַכען דעם ענט־שיידענדען שפּרונג פון דער היפּאָטהעזע צו דער רעאַלער ווירקליכ־קייט, זי קאָן ניט דעריאָגען די שילד־קראָט, זי קאָן ניט אויפבויען דעם קרייז פון די מיקראָסקאָפּיש־קליינע, גלייכע ליניען.

דעם שפּרונג מאַכט אויך דאָ די שעפּפערישע פאַנטאַזיע, וואָס מאָלט מיר אומבעוואוסט אוים דאָס בילד פון דעם ווירקליכען מענשען און צווינגט ארויף אויף מיר די זיכערקייט אין זיין רעאַלער עקזיסטענץ.

וואָלט דער מענש בעהאַנדעלט דעם אנדער מענשען נאָר לאָ־גיש, ווי אַ וואַהרשיינליכע היפּאָטהעזע, וואָלט ניט געקאָנט קומען צו אַ געזעלשאַפטליכען לעבען און צו אַ געמיינשאַפטליכער שפּראַך און טהעטיגקייט. וואָלט דער מענש בעהאַנדעלט די עקזיסטענץ פון דער דרויסענדיגער נאַטור, ווי אַ וואַהרשיינליכע סברא וואָס לעגט זיך נאָר אויף'ן שכל, וואָס קאָן אָבער ניט בעוויזען ווערען,

וואָלט ניט געקאָנט קומען צו דער בעהערשונג פון דער נאַטור, צו דער גאַנצער קולטור.

די שעפּפערישע פאַנטאַזיע פּילט אָן דעם אָבגרונד, וועלכע די לאָגיק מוז לאָזען אָפען, — די פאַנטאַזיע מיט איהר שוואונג און מיט איהר דרעה, מיט איהר זיכערקייט אין זיך אַליין. און מיט דערזעלביגער זיכערקייט מאָלט זי אויס פאַר דעם מענשען יענע פּראָצעסען און ערשיינונגען, וועלכע זענען נאָך אין דער נאַטור ניטאַ, אבער וועלכע דער מענש מוז ו ו ע ל ע ן זיי זאָלען זיין, צו וועלכע ער מוז שטרעבען.

שוין גאָר אין אָנהויב, אין דעם אָקאָרשט בעגינען פון דער מענשליכער קולטור, האָט זיך דער מענש ארויסגעריסען פון דער רוהיגער נאַטירליכקייט, פון דער האַרמאָנישער צוגעפּאַסטקייט צו די בעדינגונגען פון זיין לעבען. עס איז בעשאַפען געוואָרען א ריס, אַן איבערשום פון בעדערפעניסען איבער די נאַטירליכע מיטלען צו בעפריעדיגען זיי, אַן אומצופריעדענקייט און אומרוהע, וואָס האָט געפּייניגט די נשמה.

די אומגעשטילטע בעדערפעניסען האָבען שאַרפער געמאַכט דעם וואונש, זיי צו בעפריעדיגען, און דער הייסער וואונש האָט אויפגערודערט די פאַנטאַזיע, וואָס האָט שעפּפעריש אויסגעמאָלט אין דמיון די בעסערע ווירקליכקייט, אין וועלכער דער וואונש קאָן געפינען, וואָס ער זוכט, וואָס ער ז אָ ל מיט די אייגענע מענשליכע כחות אויפבויען. און אַזוי ווי די פאַנטאַזיע איז ניט געבונדען אָן דער שילד־קראָטען־בעוועגונג פון דער לאָגיק, אַזוי ווי ז י איז אין דער אמת'ן דער שנעל־לויפענדער אכיללעס, וואָס יאָגט אריבער די שילד־קראָט, ווען אפילו דאָס געהט להיפך צו דער לאָגישער גזירה פון די עלעאַטען, — דערלויפט זי, די פאַנטאַזיע, ביז צום סוף, מאָלט זי אויס די בעסערע ווירקליכקייט, וואָס דאַרף געבויט ווערן, אין די שעהנסט־מעגליכע פאַרבען, און בויט אויף דעם א י ד ע א ל, צו וועלכען דער מענש שטרעבט און מיט וועלכען ער שעצט אָב דאָס ווירקליכע זיין.

דער אידעאַל, דער דאָרשט נאָך פאָלקאָמענהייט, וואָס איז ארויסגעוואַקסען פון דעם בעדערפנים, דעם וואונש און דער שעפּפערישער פאַנטאַזיע, — אָט דאָס איז, וואָס דער מענש מ ו ז

ו ו ע ל ע ן, אָט דאָס איז דער אמת פון זיין האַרצען, אָט דאָס איז, וואָס ער פערווירקליכט טאָג־טעגליך אין אַלע צווייגען פון זיין קולטור.

פון דער ערשטער פאַנטאַסטישער פאָרשטעלונג, ווי אזוי ער, דער מענש, קאָן ליעגען ערגעץ־וואו בעהאַלטען הינטער אַ שטרויך און זיינע שאַרפע נעגעל זאָלען, אין דער פאָרם פון אַ שפּיציגען פייל, פליעהען אין דער לופטען און זיך אַריין־עסען אין דעם האַלז פון דער רוהיג־גראָזענדער חיה, ביז צו דער פאַנטאַסטישער פאָר־שטעלונג, אַז זיין שטים זאָל אַריבער פליעהען אין דער לופטען פון איין עק קאָנטינענט ביז צו דעם אַנדערן, האָבען מיר פאַר אונז כמעט אַן אונענדליכע צייל פון פערווירקליכטע מענשליכע פאַנטאַזיעס, פאָלקאָמענהייטס־בילדער, א י ד ע אַ ל ע ן.

און ניט נאָר איז די גאַנצע טעכניק און די גאַנצע קונסט אַ פערווירקליכונג פון מענשליכע אידעאַלען, אויך די מענשליכע ו ו י־ ס ע נ ש אַ פ ט, די ריינע נאַטור־וויסענשאַפט, וואו דער מענש גלויבט, אַז ער שפּיעגעלט נאָר אָב דאָס, וואָס איז דרויסען פון איהם, שטעהט אויך אונטער דער אומגעהויערער שליטה פון דעם מענשענס פאָלקאָמענהייטס־בילד, פון זיין אידעאַליסטישער פאַנ־טאַזיע.

דער גראַדער ווינקעל און דער אבסאָלוט ריכטיגער מאַטעמאַ־טישער קרייז זענען מענשליכע בעשאַפונגען, וואָס זענען ערגעץ אין דער נאַטור אין אַזאַ פאָלקאָמענהייט ניטאָ. די פאָרמען פון די קרים־טאַלען, וועלכע דער קריסטאַלאָגראַף האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין וויסענשאַפט, קאָן מען אין זייער אידעאַלער געשטאַלט קיין מאָל ניט אָנטרעפען אין דער נאַטור. קאָפּערניק'ס טעאָריע אין דער אַס־טראָנאָמיע איז אַרויסגעוואַקסען, ווי מיר האָבען דאָס אויבען געזע־הען, פון דעם בעדערפעניס אויסצומאָלען אַן איינהייטליכערען, האַרמאָנישערען בילד פון די הימלישע געשעהעניסען, און פון דעם זעלביגען דאָרשט צו איינהייטליכקייט און האַרמאָניע, צו אַ פאָל־קאָמענערן, ד. ה. א י ד ע אַ ל ע ר ע ן בילד פון דעם וועלט־גע־שעהען זענען דורכגעדרונגען די טעאָריען פון די ביאָלאָגען און די געשיכטס־פילאָסאָפען.

אפילו יענע מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע, וואָס וויל אין

גאַנצען מאַכען אַ תל פון יעדען אידעאַל, איז, לויט איהר פּסיכאָ־לאָגישען אורשפּרונג, אַ כשר־קינד פון דעם אידעאַליסטישען שטרע־בען אַרייַנצוברענגען איינהייטליכקייט, האַרמאָניע און קלאָרקייט אין דעם גאַנג פון דער וועלט און פון דער מענשליכער געשיכטע.

קורץ, איהר קאָנט ניט אָנווייזען קיין איין איינציגען צווייג פון דער מענשליכער קולטור, וואָס זאָל זיין פרײַ פון יענער שליטה, וועלכע ליעגט אין דער מאַכט פון דעם אידעאַל, אין דעם אמת פון דעם הארצען. אומעטום שטעלט ער זיך אַוועק אַנטקעגען דער ווירקליכקייט, — סיי אין דער וועלט, סיי אין דער וויסענשאַפט, — און שעצט זי אָב און געפינט זי שלעכט, און פער'משפט זי. ער האַלט שטענדיג אויף די אומרוה אין דער מענשליכער נשמה, לאָזט זי ניט איינשלאָפען, שטייגערט זי צו דעם רעוואָלוציאָנערען ברען און מאָלט אין קלאָרע פאַרבען אויס דעם ציעל פאַר דעם מענשענס טהעטיגקייט.

אָהן אידעאַלען איז ניטאָ קיין קולטור, און עס איז אות באות ריכטיג, ווען איך זאָג, אַז די גאַנצע מענשליכע קולטור, די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די געשיכטע פון די מענשליכע אידעאַלען, פון זייערע נצחונות און מפּלות.

יע, אויך מפלות! ניט אַלע אידעאַלען ווערען מקוים אין לעבען, — איינזיגע בלייבען טויט אויף דעם שלאַכט־פעלד אין דעם קאַמפּף מיט אַנדערע מעהר גליקליכע אידעאַלען. און אויך נאָך דערפאַר מפלות, וואָס ניט אונפעהלבאַר איז דער מענש. ער קאָן ניט זיין אַזוי איבערגעזעהען, ער זאָל לכתחילה אויסרעכענען אַלע רעזולטאַטען און ווירקונגען, וואָס דער פערווירקליכטער אידעאַל וועט ברענגען מיט זיך. בעת ער האַקט אויס די וועלדער, כדי צו בויען הייזער און אָקרענטען און כדי צו שאַפען הייץ־מאַטעריאַל צו בעשיצען זיך פון קעלט, — האָט ער דען געקאָנט פאָראויסזעהען, אַז דאָס וועט איבערבייטען צום שלעכטען דעם גאַנצען קלימאַט פון זיין לאַנד, וועט פערזעמדיגען זיינע שטראָמען און טייכען און פערמינדערן די פרוכפּערקייט פון זיין ערד?

בעת ער האָט אָבגעשאַפט אַלע פעאָדאַלע קייטען, וואָס האָבען געפענטעט דעם אינדיווידואום און האָט געלאָזען די קייט פון איי־

גענטום אויף די מיטלען און די געצייג פון דער פּראָדוקציאָן, — האָט זיך איהם דען געקאָנט חלום׳ען, אז אין דעם האלב־בעפרייטען מענשען וועלען זיך פאַנאַנדער ברענען די עגאָאיסטישע אייגענטומס־אינסטינקטען, די דאָרשט צום פרעמדען האָב און גוט, דער אומ־ברחמנות׳דיגער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ אין אַזאַ מאָס, אז די מאַ־יאָריטעט פון דער מענשהייט וועט אריין געוואָרפען ווערן אין א תהום פון יאָמער און פיין?

דער פערווירקליכטער אידעאַל ברענגט אָפטמאָל מיט זיך נייע צרות, נאָך גרעסערע איידער די, פון וועלכע ער האָט געוואָלט בע־פרייען די מענשהייט. אָבער דאָס פערמינדערט ניט ניט זיין קראַפט, ניט זיין מאַכט, ניט זיין ווערטה. נייע צרות, נייע בעדערפעניסען, נייע וואונשען; נייע אָנשטרענגונגען פון דער שעפּפערישער פאַנ־טאַזיע, נייע אידעאַלען, נייע אמת׳ען פון דעם הארצען — און די מיסטעריע פון דער קולטור־שאַפונג געהט איהר ווייטערדיגען גאַנג.

איך האָב ביז אַהער גערעדט וועגען יענע אידעאַלען, וואָס קאָ־נען פערווירקליכט ווערן און ווערען פערווירקליכט אין דעם פּראָ־צעס פון דעם קולטורעלען שאַפען. צום אומגליק, אָדער אפשר צום גליק, קאָנען אָבער ניט אַלע וואונשען פון דעם מענשען רע־אַליזירט ווערן, און דאָס הארץ האָט זיך ניט מתחייב געווען צו האַלטען זיך אין די גרעניצען פון דער רעאַלער מעגליכקייט. עס איז פאַר איהר ניט געשריעבען קיין געזעץ: „ביז דאַנען מעגסטו וועלען און ניט ווייטער“.

אויב דער אמת פון דעם הארצען בעשטעהט אין דעם געטרייען בעריכט וועגען יענעם פאַקטישען צושטאַנד, אין וועלכען עס געפינט זיך דער מענשליכער ווילען, מוז מען זיך מודה זיין, אז דאָס מענשליכע הארץ פאָדערט אָפטמאָל, עס זאָל געשעהען עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן קיין מאָל ניט מקוים ווערן, און עס זאָל ניט האָבען גע־שעהען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ליידער אַן אומבעשטרייטבאַרער פאַקט. איך דאַרף דאָ ניט ברענגען קיין פיעל איליוסטראַציעס צו בעלייכטען דעם פאַל. עס איז גענוג צו דערמאָהנען אָן דעם פאַקט פון דעם טויט. קיינער וויל ניט, אז דער טויט זאָל געשעהען אָדער זאָל האָבען געשעהען מיט די, וואָס זענען אונז ליעב און טהייער. דאָס מענשליכע הארץ רעכענט זיך אין זיינע וואונשען

אקוראַט אַזוי וועניג מיט דער נאַטירליכער אומפערמיידליכקייט, ווי וועניג די נאַטירליכע אומפערמיידליכקייט רעכענט זיך מיט די ברענענדסטע וואונשען פון דעם מענשענס האַרצען.

אָבער אויך די אַבסאָלוט אונרעאַליזירבאַרע וואונשען זענען אמת'ען, אידעאַלען, אמת'ען פון דעם האַרצען, ווייל זיי דריקען אוים דאָס, וואָס דער מענש מוז וועלען. לאָמיר זיך אַביסעל נעהענטער צוקוקען צו אָט די נשמות דאזלין ערטילאי, צו די אידעאַלען, וואָס קאָנען קיינמאָל ניט ווערען קיין פלייש און בלוט. אין זיי וועט נאָך בולט'ער אַרויסטרעטען די מאַכט פון דעם אמת — פון דעם האַרצענס־אמת.

קודם מוזען מיר, פערשטעהט זיך, אָנמערקען דעם זעלביגען חלוק צווישען דעם אינדיווידועלען מאָמענט און דעם אַלגעמיין־מענשליכען, וועלכען מיר האָבען אָנגעטראָפען ביי אַלע אַנדערע אַרטען פון דעם מענשליכען אמת.

ווי ניט יעדע עמפפינדונג פון מיינע חושים און ניט יעדע מיינונג מיינע קאָנען פרעטענדירען אויף דעם טיטעל אמת, אַזוי קאָן אויך ניט יעדער וואונש מיינער זיין אַ מ ו ז פאַר מיין ווילען און פערדיענען דעם עהרען־נאָמען „אידעאַל“.

ווען היינע בעזינגט זיין געליעבטע און שרייט אַרוים אין עקסטאַז, אַז ער וואָלט וועלען אויסרייסען אַ ריעזיגען טענענבוים, איינטונקען איהם אין אַ וואולקאַן און מיט פייערדיגע אותיות אויסשרייבען אויף דעם נאַכטליכען הימעל דעם ליעבען נאָמען: „אַגנעס“; אָדער בעת ער פאַנטאַזירט, אַז ער וואָלט אויסשניידען אַ שטיק בלאָהען הימעל, אויף וועלכען עס גלענצען די דימענטען פון דער נאַכט, און וואָלט דאָס אַרויפגעוואָרפען אויף די מלכות'דיגע אַקסלען פון זיין ליעב־לעבען, — איז דאָס אפשר אַן אמת'דיגער הייסער וואונש פון זיין האַרצען, אָבער פאָרט ניט מעהר, ווי אַ פערזענליכער, אינדיווידועלער, וועלכען דער דיכטער אַליין קאָן ניט נעהמען אין ערנסט. בעטראַכט ער זיך אַליין ניט ווי אַן אינדיווידואום, נאָר ווי אַ רעפרעזענטאַנט פון דער מענשהייט, אַן איינצעלפאַל פון דעם געזונדען, נאָרמאַלען און אמת־מענשליכען מין, — און נאָר אין דעם פאַל קאָן מען רעדען וועגען אַן א מ ת, — מוז ער צוגעבען, אַז זיין וואונש איז ניט מחויב צו זיין קיין „מוז“

פאַר יעדען נאַרמאַלען, געזונדען און אמת'ען מענשען, און אז אויב מען וואָלט דעם הימעל איבערהויפּט געקאָנט רייסען אויף שטיקער, וואָלט שוין פון דעם הימעל קיין זכר ניט געבליעבען. זיין וואונש איז ניט קיין אידעאַל, נאָר אַ פּערזענליכער קאַפּריז.

אָבער נעהמט אַן אנדער פאַל: מאַהאַמעטען'ס הארצען פערגלוסט זיך, אז די לבנה זאָל אראָב פון הימעל, זיך פאַנאַנדערשפּאַלטען אויף צווייען און זאָל זיך יום־טוב'דיג דורכגעהן הקפות ארום דעם הייליגען שטיין קאאבא. אין פלוג איז דאָס דערזעלביגער פאַנטאַסטישער קאַפּריז, וואָס ביי היינען. אָבער ער פערליערט שוין זיין פּערזענליכען כאַראַקטער. דאָס וואָס מאַהאַמעט וויל, איז, אַז די נאַטור זאָל פאָלגען דעם ווילען פון דעם מענשען און דערקענען זיין אויבערהערשאַפט איבער זיך, — דאָס איז אַ הייסער וואונש פון דער מענשהייט, אויף וועלכער עס איז אויפגעבויט דער גאַנצער גלויבען אין נסים און מופתים. דער וואונש און דער וואונדער־גלויבען זענען צו טיעף איינגעוואָרצעלט אין דער מענשליכער נשמה פון אַ בעשטימטען קולטור־היסטאָרישען פעריאָד, אַז מיר האָבען אַ פולען רעכט צו בעטראַכטען זיי, ווי אַ „מוז“ פאַר יעדען מענשליכען ווילען פון אַ בעשטימטער קולטור־היסטאָרישער פאָרמאַציע, אַן אמת פון דעם מענשליכען הארצען. אונטער דער מאכט פון יענעם אמת גלויבען טאַקי די מאַהאַמעדאַנער, אַז די לבנה האָט געפאָלגט מאַהאַמעט'ס וואונש און האָט, אַ צושפּאָלטענע אויף צווייען, ארומגעקרייזט ארום דעם הייליגען שטיין, ווי די אידען גלויבען, אַז פאַר זיי האָט זיך אויף צווייען געשפּאָלטען דער ים.

אָדער ווען מיר לייענען, אַז דער כינעזישער דענקער לאַאָ־טזי, ווי אויך די בעסטע געלערנטע פון דעם מיטעל־אַלטער אין איירָאָפּאַ, האָבען געבראָכען זייערע קעפּ און געוואָלט, ניט אַנדערש, אויסגעפינען דעם לעבענס־עליקסיר, יענע וואונדערבארע רפואה, וואָס זאָל אונז אויסהיילען פון דער ערגסטער מחלה, דעם טויט, און מאַכען אונז אונשטערבליך אויף דער וועלט — וועט זיך ביי אונז אויך ניט הויבען די האַנד — צו פער'משפּט'ן זיי אַלעמען, ווי וויסטע פאַנטאַזיאָרען, וואָס האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַן אינדיווידועלען, צייטווייליגען קאַפּריז פון אַ פּאָר מטורפים.

די בענקשאַפט נאָך אונשטערבליכקייט און אייביגקייט איז א מענשליכע בענקשאַפט, אויסגעוואַקסען אויף א זעהר הויכער שטופע פון דער מענשליכער קולטור־ענטוויקלונג, אַן אמת פון דעם מענשליכען האַרצען, וואָס קאָן ניט פּערטויבט ווערן דורך קיין אמת פון די חושים און קיין בעווייז פון דעם שכל. די רעליגיע האָט זיך אונטערגענומען צו גאַראַנטירען די אומשטערבליכקייט אויף יענער וועלט און אויף אַזאַ'ן אופן צו לעשען יענעם אייביגען דאָרשט נאָך אייביגקייט. אָבער אויך זי האָט ניט געקאָנט אָבהאַלטען אפילו דעם פרומען מענשען צו פאַנטאַזירען וועגען א רעאַלערער אומשטערבליכקייט, איידער די יענע־וועלטיגע: ער ארבייט דעריבער אויס דעם גלויבען אין א תחית־המתים אין דעם סוף פון די דורות, כדי אויך מיט נאַטירליכע מיטלען גובר צו זיין דעם נאַטירליכען טויט.

איהר וועט דאָס אפשר אָנרופען א קאַפּריז און ניט קיין אידעאַל, — א קאַפּריז דערפאַר, ווייל איהר זעהט ניט איין די מעגליכקייט, ווי אזוי ער קאָן מקוים ווערען אין לעבען; א קאַפּריז, ניט קליגער, איידער דער קינדישער פערלאַנג פון א קינד, מען זאָל איהם געבען דאָס טעלערל פון הימעל. אָבער ווען איהר טראַכט זיך אריין אין דער מענשליכער נשמה, און איהר פרעגט זיך אַליין, וואָס איז אייער האַרצענס בעגעהר, וועט איהר געפינען אַז איהר מ ו ז ט וועלען אומשטערבליכקייט, ווי נאָר איהר פרעגט זיך אַליין, צי איהר ווילט דאָס; אַז אָט דער ווילען איז אַן אמת פון אייער האַרצען, ד. ה. אַן אַלגעמיין־מענשליכער אידעאַל און ניט קיין אינדיווידועלער קאַפּריז, כאָטש אפילו יעדער פון אונז קאָן, לויט דעם אמת פון זיין שכל, זיין זיכער איינגעגלויבט, אַז דער אידעאַל קאָן קיינמאָל ניט מקוים ווערן.

לאָזט מיך אייך דערמאָהנען אָן נאָך אַן אַלגעמיין־מענשליכען אידעאַל, וואָס איז ניט אזוי שטאַרק פערשפּרייט, ווי דער דאָרשט נאָך אומשטערבליכקייט, און קאָן דעריבער נאָך מעהר אויסזעהען, ווי אַן אינדיווידועלער קאַפּריז.

אין איינעם פון זיינע נאָוועלען, „אסיא“, שילדערט אונז טורגעניעוו, ווי אזוי זיין העלד־ין האָט זיך פּלוצלונג פערוועלט, זיך אויפצוהויבען פון דער ערד, און אוועקפליהען ווי א פויגעל אין דער

לופטען. געווים, ניט אַלע מענשען און ניט אַלע מאָל לעבען איבער אַזעלכע „קינדערשע" געלוסטען. עס איז דעריבער אַ גרויסער ספק צי דאָס ו ו ע ל ע ן פליעהען איז אַן אבסאָלוטער „מוז" פאַר יעדען מענשליכען ווילען. אָבער אַז מען ווערט מעהר פערטרויט מיט דער געשיכטע פון די מענשליכע אידעאַלען, ווערט איינעם קלאָר, אַז אויך אָט דער „קאַפּריז" האָט אַ טיעפען, ניט אויסצו־וואָרצלענדען שורש אין דער מענשליכער נשמה.

ניט נאָר ווילט זיך איינעם האָבען פליגלען און פליעהען, ווען מען איז ווייט אַוועק פון די, וואָס מען האָט ליעב, ווי דאָס לעבען, — „וואָלט איך געווען אַ פויגעלע, וואָלט איך צו דיר געפלויגען", זינגט אַ אידיש ליעדעל, — נאָר דער מענש איז בכלל ניט צופריע־דען, וואָס ער איז געצוואונגען אַרומצוקריכען אויף דעם גרונט פון יענעם לופט־ים, אין וועלכען מיר לעבען. ער איז מקנא זיינע בע־פליגעלטע מיט־געשעפּפען, וואָס שניידען דורך מיט זייערע פליגלען דעם אונענדליכען רוים און שוועבען פריי אין דעם הימלישען בלאָה.

דער בעסטער בעוויז דערצו איז דער פאַקט, וואָס דער מענש האָט זיינע אידעאַלע געשטאַלטען, די מלאכים פון דעם הימעל, בע־שאָנקען מיט דעם וואונדערבאַרען שעהנעם צוגאָב, — די ווייסע מעכטיגע פליגלען. דאָס בעוויזט, אַז לויט דעם אידעאַל, וואָס לעבט אין דעם מענשענס נשמה, דאַרף אַ פאָלקאָמענער מענש זיין אַ בעפליגעלט געשעפּף. ווי ביי דער אומשטערבליכקייט, טרייסט זיך דער מענש אויך דאָ מיט אַ יענער וועלט, מיט אַ לעבען נאָך אַ טויט, וואו יעדענס נשמה ווערט פערוואַנדעלט אין אַ מלאך און קאָן אומפליעהען איבער דער וועלט; ווי ביי דער אומשטערבליכקייט גלויבט ער אויך דאָ, אַז דער אמת פון זיין הארצען קאָן פערווירק־ליכט ווערן נאָר אין דעם עולם שכלו אמת. אָבער ווי ביי דער אומשטערבליכקייט, האָט אויך דאָ דער רעליגיעזער גלויבען ניט געקאָנט אין גאַנצען שטילען דעם דאָרשט צו פאָלקאָמענהייט אויף ד ע ר וועלט, און שוין גאָר אין די אַלטע צייטען, ווען פון ערנסטע פליה־עקספּערימענטען האָט נאָך גאָר קיין רעד ניט געקאָנט זיין, האָט יענער דאָרשט אַרויסגעבראַכט די וואונדער־שעהנע לעגענדע פון איקאַר'ן און זיין טראַגישען סוף.

איקאַר'ן האָט זיך פערוואָלט פליעהען צו דער זון. ער

האָט אויפגעבויט קינסטליכע פליגלען, האָט זיי צוגעקלעפּט מיט וואַקס צו זיין גוף און זיך אַ לאָז געטהאָן אין דער הויך; אָבער קוים האָט ער זיך אַביסעל מעהר דערנעהנט צו דעם ציעל פון זיין בענקשאַפט, אַזוי האָבען די שטראַהלען פון דער זון צושמאָלצען דעם וואַקס, די פליגלען זענען אַראָבגעפאַלען, און דער הערדישער איקאַר איז צושמעטערט געוואָרען אויף פיצלעך.

די שעהנע גריכישע איקאַר־לעגענדע איז אָבער ניט נאָר אַ בעווייז פאַר דער מאַכט, וועלכע די פליה־בענקשאַפט האָט איבער דעם מענשענס נשמה, זי איז אין דערזעלביגער צייט גאַנץ געוויס אויך אַ פעסימיסטישע ק ר י ט י ק, אַרויסגעבראַכט פון דעם מענש־ליכען שכל הישר, איבער דעם אונרעאַליזירבאַרען אידעאַל. די לע־גענדע וויל זיין אַ קריטיק, אַ סימבאָל פאַר אַלע „נשמות דאַזלין ערטילאַי", אַ וואָרנונג פאַר אַלע אונפערווירקליכבאַרע חלומות, ווען מען וויל זיי מיט די מענשליכע שוואַכע מיטלען דורכפיהרען אין דעם לעבען. איקאַר איז דער סימבאָל פון אַלע אידעאַליסטען, וואָס ווילען רעאַליזירען זייער הארצענס בעגעהר מיט דער הילף פון קינסט ליכע פליגלען, צוגעקלעפּט מיט וואַקס. די שטראַהלען פון דעם קלאָ־רען קריטישען שכל וועלען פאַנאַנדער שמעלצען דעם וואַקס, די פליגלען וועלען אַראָבפאַלען, און איקאַר וועט ליעגען אַ צושמעטער־טער צווישען די פעלזען.

יע, דאָס איז אַ טרויעריגער אמת, אַ טראַגישע לעבענס־געשיכ־טע פון אַ סך־ אַ־סך מענשליכע פּרובען צו פערוואַנדלען אין פלייש און בלוט דעם אידעאַל פון דעם הארצען. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? איקאַר'ס געשיכטע האָט, אין גרונט פון דער זאַך, קיינ־מאָל קיינעם ניט אָבגעשראָקען, און דער אידעאַל פערליערט ניט זיין ווערטה, אפילו ווען ער ליעגט אַ צובלוטיגטער צווישען די שפּי־ציגע שטיינער. רעאַליזירבאַר אָדער ניט, שפּיעלט ער די ראָליע, וועלכע ער האָט אַלע מאָל געשפּיעלט און וועט אייביג שפּיעלען אין דער מענשליכער געשיכטע: שאַרפער מאַכען די אומצופריעדענ־קייט מיט דעם היינט, אויפרודערן די אומרוהה פון דער נשמה, שטאַר־קער מאַכען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע ביי די, וואָס זוכען אַ בעסערע צוקונפט, און אויסמאָלען ליכטיגע פערספּעקטיווען פאַר זייער רעוואָלוציאָנערען שטרעבען.

און קאָן מען דען זאָגען, אז די אַלע „קערפּערלאָזע" אידעאַלען זענען אויף אייביג פער'משפּט צו זיין ניט מעהר ווי זיסע חלומות? קאָן מען דען אָבלייקענען די מעגליכקייט, זיי זאָלען ווען עס איז פּאַרט ווערן אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט, אויב ניט אין זייער פאַנ־טאַסטישער פאָרם, איז אויף אַ מעהר רעאַלערע אָרט? אויב ניט אין זייער אומבעגרעניצטען מאַסשטאַב, איז, לאָז זיין, אין ענִיוות־דיגערע מאָסען, וואָס קאָנען דאָך ווי עס איז בעפריעדיגען יענעם אמת פון דעם הארצען, וואָס האָט זיי אַרויסגערופען צום לעבען?

אָט זעהט: דער דאָרשט צו דעם וואונדער־גלויבען, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון דער בענקשאַפט נאָך דעם מענשענס הערשאַפט איבער דער נאַטור, הויבט אָן אַלץ מעהר פערווירקליכט צו ווערען אין די רעאַלע וואונדער פון אונזער טעכניק און אונזער וויסענשאַפט. דער חלום, וואָס האָט ניט געלאָזט רוהען לאַאָ־טזי און די מיטעל־אַלטערליכע אַלכעמיקער, איז אריין אין די הענד פון די געלערנטע ביאָלאָגען און פיזיאָלאָגען, ווי פּראָפ. מעטשניקאָוו, און — ווער ווייס? עס קאָן זיין, עס וועט זיך פאַרט איינגעבען דער וויסענ־שאַפט, אויב ניט צו מאַכען אונשטערבליך דעם מענשען, איז, לכל הפחות, פערשאַפען איהם די מעגליכקייט, צו לעבען אזוי לאַנג, ווי פיעל עס דאַרף זיך איהם וועלען צו לעבען אויף דער וועלט. איקאַר'ס אידעאַל איז גראָד אין אונזערע צייטען ערנסטליך אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם סדר היום, און ווען אַלע סימנים נאַרען ניט אָב, וועט נאָך אונזער דור דערלעבען די צייט, ווען מענ־שען וועלען שטאָלץ אַרומשוועבען אין דעם הימלישען בלאָה און קאָנקורירען מיט די פלינקסטע געפליגעלטע פליהער אין דער לופט.

וואָלט די איקאַר־בענקשאַפט, אָנגעשראָקען פון דעם טראַגישען סוף וואָס אַ סך לופט־פליעהער האָבען געפונען ביי זייערע עקספּעּ־רימענטען, אויסגעלאָשען געוואָרען אין דער מענשליכער ברוסט, יע־מאָלט וואָלט זי ניט געקאָנט דערלעבען איהר הייגטיגען זיעג. דער אמת פון דעם הארצען, וואָס איז געלעגען אין איהר, האָט איהר געגעבען די מאַכט אַריבערצוטראָגען אַלע נסיונות, און זי, די מאַכט פון דעם אמת, וועט איהם בייסטעהן ביז צום לעצטען טריאומף.

אין דעם ביישפּיעל מיט קאָפּערניק'ס סיסטעם האָבען מיר גע־

זעהען, ווי אזוי דער אמת פון דעם שכל איז גובר דעם אמת פון די חושים. עס איז דאָ אין דער געשיכטע נאָך א וואונדערליכערער ביישפּיעל, ווי אזוי דער אמת פון דעם הארצען טריאומפירט ניט נאָר איבער די עדות פון די חושים, נאָר אויך איבער די שטרענגע בעווייזען פון דעם מענשליכען גערדאנק. איך האָב דאָ אין זינען יענעם נצחון, וועלכען עס האָט ארויסגעטראָגען איבער דער גאנצער געבילדעטער וועלט פון דער אלטער ציוויליזאציע די רעליגיע פון א אידישען טישלער אין גאלילעא, און פון א פּאָר גאלילעאיש-אידישע פישער-לייט.

עס וואָלט אונז אוועקגעפיהרט צו ווייט, ווען מיר וואָלטען זיך אָבגעשטעלט אויסמאָלען דעם צושטאנד פון דער יעמאָלטיגער ציוויליזאציע, כדי קלאָר צו מאכען דעם כמעט אונערקלערליכען וואונדער, וואָס דאָס קריסטענטום האָט בעוויזען פאר דער וועלט. לאָזט מיך אייך דערמאָהנען נאָר דעם פאקט, אז ווען דאָס קריסטענטום, צוערשט די רעליגיע פון די אָרעמע, אונוויסענדע און פערשקלאפטע מאסען, האָט גענומען ארייגדרינגען אין דער געבילדעטער וועלט, האָט זי, די געבילדעטע וועלט, שוין געהאט הינטער זיך גלענצענדע פעריאָדען פון דעם שארפסטען פילאָספישען פאָרשען, וואָס האָבען אויסגעארבייט די יסודות פון דעם מאָדערנעם פרייען גערדאנק. דע-מאָקריט, מיט זיין שטרענג קאָנסעקווענטען מאטעריאליזם; די סאָ-פיסטען, וואָס האָבען אויפגעדעקט דעם מענשליכען אורשפּרונג פון יעדער רעליגיע; סאָקראטעס און פּלאטאָ, מיט זייער שטרענג לאָ-גישען ארגומענטירען; אריסטאָטעל מיט זיין גאָט, וואָס קאָן זיך ניט ארייגמישען אין דעם וועלט-געשעהען, פון וועמען עס פליעסען פּאסיוו ארויס די אייביגע אומפערענדערליכע געזעצען פון דער נא-טור; די סקעפּטיקער, וואָס האָבען אונטערגעגראָבען די וואָרצלען פון יעדער נאאיווער וועלט-אנשויאונג און אוועקגעלעגט דעם יסוד פאר דער מאָדערנער דערקענטניס-טעאָריע און דעם מאָדערנעם עמ-פּיריזם; עפּיקור, מיט זיין ווידערבעלעבונג פון דעמאָקריט'ס מא-טעריאליזם און דעם התלהבות'דיגען גלויבען אין דעם אמת פון די חושים, — דאָס אלץ האָט געלעבט אין דער געבילדעטער אטמאָ-ספערע פון דער אלטער וועלט.

און גראָד אין יענער צייט, ווען לוקרעציו'ס פּאָעמע וועגען „דער

נאַטור פון די זאַכען" („דע רערום נאַטורא"), וואָס האָט בעגייס־טערט בעזונגען עפּיקור'ס אידעען, איז געוואָרען דער ליעבלינגס־לעזעשטאָף פון אַלע געבילדעטע, פיין ערצויגענע מענשען, — קומען צוגעהן אַ פּאָר אידישע שליחים, און ווענדען זיך צו דער גאַנצער מענשהייט מיט אַזאַ לשון:

„הערט אויס, ברידער! מיר זענען אייך געקומען מעלדען, אַז גאָט האָט אריינגעטהאָן זיין רוח הקודש אין אַן אומשולדיגע יונג־פרוי, און זי האָט געבוירען אַ משיח, גאָט'ס אַ זוהן, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר אונז אַלעמען. מען האָט איהם צוגעשלאָגען צו אַ צלם, אָבער אויף דעם דריטען טאָג איז דער משיח אויפגע־שטאַנען תחית המתים און איז אַרויפגעפלויגען אַ לעבעדיגער אויפ'ן הימעל, וואו ער זיצט צו דער רעכטער זייט פון זיין פאָטער".

„מיר פּרעדיגען דעם גע'צלם'טען", האָט דער שליח שאול גע־רעדט שטאָלצע רעד, „מיר פּרעדיגען דעם גע'צלם'טען, — אַן ער־גערנים פאַר די יודען, אַ שפּאָט פאַר די גריעכען", — אַ זעלטען געראָטענע כאַראַקטעריסטיק! די יודען האָבען ניט געלאַכט פון דער נייער רעליגיע, ווייל אין זייערע אויגען איז דאָ ניט געווען פון וואָס צו לאַכען. גאָט, דער אַלמעכטיגער קאָן אַלץ, און אריין צו מישען זיך אין זיינע דרכים ווי אַזוי ער וויל שיקען זיין משיח, און וואָס ער וויל טהאָן מיט איהם, איז יעדען מענשען פערוועהרט. זיי האָט נאָר געערגערט, וואָס די מעשה איז געווען אַ ליגען, ווייל עס האָט פאַקטיש ניט געשטימט. ישו איז ניט געווען דער אידי־שער משיח, אויף וועלכען זיי האָבען געוואַרט, ווייל ער האָט ניט אויסגעלעזט זיין פאָלק. ממילא, האָט ער שוין ניט געקאָנט זיין גאָט'ס זוהן און האָט ניט געקאָנט אויפשטעהן תחית המתים.

די גריעכען אָבער, דערהויפּט די געבילדעטע, האָבען זיך ניט געקאָנט ערגערן פון אַזאַ בעריש־אומגעלומפּערטער, אַזאַ נאַרישער אויסטראַכטעכץ: זיי האָבען דערפון פּשוט חוזק געמאַכט. און דערנאָך, אַז דער נייער גלויבען האָט זיך גענומען פערשפּרייטען ווי אַ פייער איבער דער גאַנצער רוימיש־גריעכישער ציוויליזירטער וועלט, — מיט וואָס פאַר אונמענשליכע, טייוועלשע מיטלען מען האָט גענומען אונטערדריקען די אומגעלומפּערטע נאַרישקייט, — די פערפאָלגונג פון די קאַפּערניקאַנער איז געווען אַ קינדער־

שפּיעל לגבי דעם. און ניט קוקענדיג אויף דערויף, זיך ניט גע־רעכענט מיט די אומברחמנות'דיגע רדיפות, האָבען גראָד די גע־בילדעטסטע און איידעלסטע זיך גענומען מיט האַרץ־קלאַפּענים איינהערען אין די משונה'דיגע רעד, און איינער נאָך דעם אַנדערן, אין יעדען ווייטערען דור אַלץ מעהר און מעהר, האָבען זיי גענומען בויגען זייערע קניע פאַר דעם מלך פון די יהודים און פריידיג געהן אין טויט אַריין, כדי דורך דעם עדות צו זאָגען פאַר דעם אמת פון דעם גע'צלם'טען משיח.

אין וואָס איז בעשטאַנען די גייסטיגע מאכט פון דעם קריסטענטום, וואָס האָט סוף־כל־סוף געוואונען אַלע מוחות פאַר זיך, האָט געבראָכען די אייזערנע פיזישע געוואַלט פון יענער צייט און האָט זי איינגעשפּאַנט אין זיין טריאומף־וואָגען? ניט אין דעם אמת פון די חושים און דעם אמת פון דעם שכל, וועלכען ער האָט געטראָטען מיט די פיס, נאָר אין דעם אמת פון דעם האַרצען.

אין די ערשטע שעפּפונגען פון דעם קריסטליכען רעליגיעזען גייסט האָבען געקלונגען, ווי אין אַ סימפּאָניע, אַזוי פיעל טענער און שטימען פון מענשליכע אידעאַלען, אייביגע און היסטאָרישע, אַז דאָ קאָנען מיר זיי אין גאַנצען אפילו ניט אויסרעכענען. די ליעבע צו דער מענשהייט, דער דאָרשט פון מסירת נפש פאַר דעם כלל, די נאָהענטקייט פון דעם מענשען צו גאָט, דער פאַקטישער בעוויז פון תחית המתים, די בעפרייאונג פון אַלערליי געבאָטען, די דערהויבונג פון דעם מענשען צו אַ געטליכער עקזיסטענץ, דער זעלבסט־ווערטה פון דער אָרעמער, אונוויסענדער מאַסע אַנטגעגען דער חוצפה און דער גדלות פון דעם געלערנטען און דעם רייכען, די גלייכקייט פון אַלע מענשען־קינדער אין דעם קעניגרייך פון גאָט, די אָבשאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער נפקא מיניה צווישען דעם איד און דעם העלען! די גאַנצע אידישע סאָציאַלע עטהיק, די העכסטע פון איהר צייט, איז אין אַ גוזמא'דיגער פאָרם אַריינגעאַרבייט געוואָ־רען אין דעם קריסטליכען רעליגיעזען סיסטעם. אָבער צווישען די טענער האָט העכער פאַר זיי אַלעמען געקלונגען די שטים פון דער דערלייזונג, פון דער מחילה וסליחה דעם מענשען פאַר זיינע בעגאַנגענע

זינד. קריסטוס האָט זיך אָנגענומען ניט נאָר פאַר דעם אביון (די ערשטע אידען־קריסטען האָבען זיך גערופען אביונים), ניט נאָר פאַר דעם עם־הארץ, נאָר אויך פאַר דעם זינדיגען, דעם פושע.

איך האָב שוין אין אַן אַנדער אָרט געמאַכט די בעמערקונג, אַז די פסיכישע מאַכט פון אַ וועלכער עס איז רעליגיע אויף איהרע אנהענגער שטאַמט אין אַ גרויסען חלק דערפון, וואָס זי ברענגט מיט זיך די רייניגונג פון דער זינדיגער נשמה, די מיטלען, ווי אַזאַ צו שווענקען פון איהר דעם שמוץ, וועלכער זאַמעלט זיך אָן אויף איהר אין דעם זינדיגען לעבען. יעדע רעליגיע, ווי ניעדעריג זי זאָל ניט זיין, האַנדעלט מיט פּאַטענטירטע וועסערלעך פאַר אַ קרע־ציגען יושר.

מען דאַרף זיך אָבער פאָרשטעלען, ווי מאָראַליש געפאַלען די אַלטע ציוויליזירטע וועלט איז געוואָרען צו דעם סוף פון דער רוי־מישער הערשאַפט, אַ דאַנק די שטענדיגע רוימישע מלחמות, כדי צו בעקומען לאָז זיין אַ בלאַסע השגה פון דעם, ווי עס האָט יעמאָלט אויסגעזעהען אין די מענשליכע הערצער. מיר, וואָס לעבען אין די צייטען פון דעם גרויסען וועלט־קריעג, קאָנען שוין אָבמעסטען, ווי טיעף עס איז אין אַזאַ קורצער צייט געזונקען די מאָראַל און וועלכע גדולים זי פערשלעפּט מיט זיך אריין אין דעם תהום. אַ פשיטא שוין יעמאָלט, ווען די זיעגרייכע אַרמעען פון די רוימער פלעגען יאָהר אויס, יאָהר איין אָנרויבען רייכטהימער, אָנשלעפּען שקלאַווען און שקלאַווינען אין די טויזענטער, און פערוואַנדלען דאָס לעבען פון די אונטעריאָכטע מאַסען אין איין גרויסען יאָמער־געשריי און דאָס לעבען פון די הערשענדע קלאַסען, פון די פּאַטריציער, אין איין גרויסען זומפּף פון צופוילטע תענוגים.

ווי האָט דאָ דער יושר פון די בעסטע, פון די איידעלסטע געמוזט צו־ווערימט און צוגעסען ווערן, ניט אַזוי פון דער אייגע־נער זינד, — עס זענען געווען אויך יעמאָלט טיעף עהרלי־כע מענשען, — נאָר פון דעם גאַנצען זינדיגען לעבען, אין וועל־כען זיי האָבען געמוזט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, זיך פער־כליניען! ווי האָט דאָ די נשמה געבענקט נאָך אַ וואונדערליכער רעטונג, וואָס זאָל זי מיט אַמאָל אַרויסרייסען פון דעם זומפּף און אַריינטריעפען אין איהר פריעדען און רוה!

און דאָ איז געקומען דער קריסטענטהום מיט זיין האָפּערדיגען געלעכטער איבער דער גאַנצער רוימישער ציוויליזאַציע, איבער דעם גאַנצען שכל פון די קלוגע, און האָט היפּנאָטיש גע'טענה'ט איין איינציגען געדאַנק: די מענשליכע זינד זענען שוין אויס־געקויפט, דער קרבן איז געבראַכט. דאָס אומשולדיגע לאַם פון גאָט האָט זיך אליין פערברענט פאַר אַ זינד־אָפּפער, כדי אייערע נשמות זאָלען קאָנען ווידער אויסגעלייטערט ווערן. לעבט, ווי ער האָט געלעבט, גלויבט אין איהם, נעהמט איהם אריין אין אייער הארצען, און דורכדעם אליין וועט איהר ווערן געהיילט און גערייניגט.

דער קריסטענטהום איז געווען אַ באַלזאַם פאַר דעם צו־וועה־טיגטען געוויסען, — אַ באַלזאַם אין וועלכען די מענשהייט האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט, אַ גרויסער אמת פון דעם מענשליכען הארצען, און דערפאַר זענען אַלע אַנדערע אמת'ען געפאַלען צו זיינע פיס. מיר האָבען אויבען געזעהען, אַז אמת'ען קאָנען הענ־גען מיט'ן קאָפּ אראָב, אַזוי לאַנג ווי דער ווילען האַלט זיי אין אַזאַ אומנאַטירליכער לאַגע, און אַז זיי גלייכען זיך ווידער אויס, ווי נאָר די מוסקלען פון דעם ווילען ווערען אָבגעשוואַכט. אָבער אין דעם קריסטענטום האָבען די מוסקלען פון דעם ווילען ניט געקאָנט ווערען אָבגעשוואַכט, ווייל ער, דער ווילען, האָט דאָ געקעמפּפט פאַר זיין א י י ג ע נ ע ם אמת, וואָס וואָלט געמוזט אויפגע־האַנגען ווערן מיט'ן קאָפּ אראָב, ווען דער אמת פון דעם שכל זאָל זיך שטעלען אויף די פיס. שפּעטער איז דאָס טאַקי געשעהען אַזוי, אַ דאַנק קאָפּערניק'ן און דעם פרייען געדאַנק.

האָט דער קריסטענטום שוין זיין ראָליע אין גאַנצען אויסגע־שפּיעלט?

ניט פאַר אַלעמען און ניט אין גאַנצען. נאָך אין אונזערע טעג איז אַ פריי־דענקענדער, הויך־געבילדעטער און איידעל־פיהלענדער פּאַטריציער, דער גראַף טאָלסטאָי, פּלוצלונג צוגעפאַלען צו די פערוואונדעטע פיס פון דעם גע'צלם'טען משיח, און האָט אין די טראָפּענס מאַרטירער־בלוט געזוכט אַ טרייסט פאַר זיין צורו־דערטען געמיטה. נאָך עד היום נויטיגט זיך די מענשהייט אין אַ באַלזאַם פאַר דעם צוואַוועהטיגטען יושר, נאָך עד היום לעבט אין איהר דער אידעאַל פון אַ זינד־ריינעם לעבען. אָבער זיין ראָ־

ליע ווערט אַלץ מעהר אויסגעשפּיעלט פון טאָג צו טאָג: שוין מאָלען זיך אוים אויף דעם האָריזאָנט פּערספּעקטיווען פון נייע מיטלען, וואָס קאָנען פערווירקליכען זיין אידעאַל ניט אויף אַ וואונדערליכען וועג פון אַן איבערנאַטירליכען גלויבען, נאָר אויף אַ רעאַלען וועג פון אַ פערנינפטיגען סאָציאַלען לעבען.

דער ס אָ צ י אַ ל י ז ם וויל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם קריסטענטום. אַנשטאָט צו רייניגען די פלעקען פון דער נשמה, וויל ער אריינפיהרען אַ ריינעם לעבען, אין וועלכען די נשמה, זאָל זיך ניט קאָנען פערפלעקען. און אַנשטאַט חרוב צו מאַכען דעם שכל־אמת כדי צו געווינען פּלאַץ פאַר דעם הארצען־אמת, בויט דער סאָציאַליזם לכתחילה זיין אמת פון דעם הארצען אויף דעם אמת פון דעם שכל, ווי אויף זיין נויטווענדיגען פונדאַמענט. די נשמה פון דעם קריסטענטום, אויף וויפיעל ער איז אַ טרייסט פאַר דעם זינדיגען, וועט געפינען איהר תקון ערשט אין דער ווירקליכקייט פון דעם סאָציאַליזם.

דער קריסטענטהום איז געבוירען געוואָרען פון דעם איבערנאַטיריכען משיח־גלויבען ביי דעם אידישען פאָלק. אויך אָט דער אידישער פאַנטאַסטישער גלויבען איז, אין זיין תוך, אַ הארצענס־אמת אויב ניט פאר יעדען מענשען, איז פאר דאָס אידישע פאָלק,—אַן אידעאַל, וועלכען דאָס פאָלק מוז וועלען. אויך ער האָט גענוג געדיענט אונזער ליידענדען פאָלק אין זיין טראַגישן געשיכטליכען גאנג, שענקענדיג איהם טרייסט און האָפענונג אויף אַ ליכטיגער צייט, ווען ער וועט אויפהערען צו זיין דער פערוואָגעלטער יתום, דער גע׳רודף׳טער בעטלער אין דער פרעמד. און אויך דער אידישער משיח־גלויבען האָט ניט איינמאָל ארויסגעוויזען די וואונדערליכע קראַפט,—די מאכט פון דעם אמת, וואָס שטעקט אין איהם,—בעת ער האָט מיט אַזאַ גבורה אָבגעשלאָגען אַלע אָנפאַלען פון דעם פרייען געדאנק, פון די שכל־אמת׳ען, וואָס פלעגען איהם ניט לאָזען צורוה אין די פעריאָדען פון דער אידישער אויפקלעהרונג.

לייענט די געשיכטע פון דער קבלה, וואָס איז אויסגעוואַקסען גראָד נאָכדעם, ווי די פרייגייסטיגע פילאָסאָפיע פון דעם רמב״ם האָט זיך דערוועדט צו איהר לעצטען ראַדיקאַלען וואָרט אין דער

שוהלע פון די אידישע אַללעגאָריסטען און אסטראָלאָגען,—קוקט זיך צו צו דעם וואונדערליכען קאמף, וועלכען דער אמת פון דעם הארצען פיהרט דאָרטען אנטקעגען דעם אמת פון דעם שכל, און איך וועט ערשט יעמאָלט קלאָר ווערען, וואָס פאר א מאגישע קראַפט עס ליעגט אין דעם אמת פון דעם הארצען, אין דעם, וואָס ער, דער מענש, מוז וועלען.

אבער אויך פאר אָט דעם אידעאל איז שוין געקומען די צייט, ווען ער פיהלט, אז ער קאָן זיך אראבלאָזען פון זיינע הימלישע הויכען אויף דער זינדיגער ערד און פרובען זיין גליק מיט ריין נאַטירליכע מיטלען. זיינע ערשטע פרובען וועלען אפשר זיין איקאַר־פרובען, מיט קינסטליכע פליעגלען, צוגעקלעפּט מיט וואקס, וואָס צו־שמעלצט ווי וואסער, ווי נאָר דער קריטישער געדאנק טהוט א שיין אויף איהם. אויך זיינע טרעגער וועלען אפשר ניט איינמאָל ווערען צושמעטערט אן די שפּיציגע פעלזען פון דער אכזריות'שער ווירקליכקייט. אָבער ווער וויים ? די אמת'ען פון דעם הארצען פערשווינדען ניט אזוי גיך און ווען זיי קאָנען שוין גאָר נישט ניט אויפטהאָן, האָבען זיי א טבע צו ליעגען איינגעדרעהט אין דרייען און צו לויערן אין דער שטיל, ביז עס מאכט זיך א גינסטיגער מאָמענט און זיי שפּרינגען ארויס פון זייער בעהעלטענים און מאָהנען וואָס זיי קומט און נעהמען וואָס זיי קאָנען. וועט דאָס ניט זיין ארץ־ישראל, וועט דאָס זיין אן אנדער לאנד; וועט דאָס ניט זיין אן אנדער לאנד, וועלען דאָס אפשר זיין יענע זעלבסטשטענ־דיגע אידישע קאָמונעס, וואָס וועלען לעבען פריי אין א פרייען בונד מיט אנדערע קאָמונעס, ווען דער אידעאל פון דעם פרייען סאָציאַ־ליזם זאָל מקוים ווערען.

קוים לעבט אן אידעאל, קאָן ער נאָך אלע מאָל האָפען, ער זאָל ווען עס איז, אין אזא אדער אין און אנדער פאָרם, פערקערפּערט ווערען אין לעבען.

ניט לאנג צוריק, בעת דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבען מיר געקאָנט בעאָבאכטען אָט די טבע פון דעם אידעאל צו ליעגען אַפּט־מאָל א פער'חלש'טער, ווי אין א היהנער־פּלעט, און פלוצלונג ארויס צו שפּרינגען, ווען ער שפּיהרט, אז זיין צייט איז געקומען.

ווער געדענקט ניט דעם חושך, וואָס האָט געהערשט אין רוס־

לאַנד נאָך דעם פאַל פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ?" איך רעד שוין ניט פון דער צולאָזענער וואַקכאַנאַליע פון דער רוסישער רעגיע־רונג און די רעאַקציאָנערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט: זי איז כמעט קיין מאָל ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען און אפשר נאָך אַלע ווײַלע שטאַרקער געוואָרען ביז אויף דעם הײַנטיגען טאָג. איך מײן די שטימונג אין דער אַזוי־אָנגערופענער „געזעלשאַפט" און איהר שטעלונג צו דעם אידעאַל פון פּאָליטישער פרײַהייט. וויפיעל שפיכת־דמים האָבען דאָס די רעוואָלוציאָנערען געמוזט אריבער טראָגען אין דעם אָנהויב פון די נײַנציגער יאָהרען, בעת עס האָט גענומען ווידער אויפלעבען דער פּאָליטישער קאַמפּף!

די געזעלשאַפט האָט ניט געוואָלט וויסען פון איהם. געביל־דעטע מענשען פלעגען פערברענגען זײַער בעסטע צײַט אין קאָרטען־שפּיעל, אין שכרות און זנות און—העכסטענס—אין ציניש־לי־בעראַלע זיעדלערײַ אויף דער רעגיערונג. און אפילו די בעסטע פון דער יוגענד האָבען אויך,—אַ חוץ אַ קלײנעם הײפעלע פון איהר,—ניט געוואָלט וויסען פון דעם פּאָליטישען אידעאַל און האָבען געזוכט זײַער טרייסט אין'ם רעליגיעז־עסטהעטישען מיסטיציזם און דעקאַדענטישער פּאָעזיע און האָבען פערערדט די ציהען פון זײַער געוויסען מיט דעם לחש, אַז אַ שעהן געשליפענער שיר איז אַ סך וויכטיגער פאַר דעם מענשליכען פּראָגרעס, איידער אַ דעמאָקראַ־טישע קאָנסטיטוציע.

אָבער די רעוואָלוציאָנערען האָבען ניט געשוויגען. עס האָט גענומען וואַקסען די פּראָפּאַגאַנדאַ און די אַגיטאַציע, דער אמת פון דעם הארצען האָט גענומען אַרײַן דרינגען אין אַלץ ברײטערע קרײַזען, און ווי נאָר די מאַסען האָבען זיך געטהאָן אַ ריהר, ווי נאָר עס האָט אַ בליאַסק געטהאָן די מעגליכקייט פון אַ רעוואָלו־ציע, אַזוי איז אקוראַט ווי דורך אַ כישוף פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען דער חושך און דער אינדיפערענטיזם, און דער נעכטיגער דעקאַדענט אָדער פלאַניאָר איז געוואָרען אַ קעמפּפער און אַ העלד...

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? האָבען זײ פּלוצלונג אַנטפּלעקט אין זיך דעם אמת פון זײַער הארצען? ניין! זײ האָבען איהם געוואוסט פון פריעהר, זײ האָבען אָבער ניט געוואָלט וויסען פון איהם, ווײַל עס האָט זיך ניט געלוינט, ווײַל דער אמת פון'ם

שכל האָט פאר זיי אויסגעמאָלט די געפאהרען, וואָס זענען פערבונ־דען מיט איהם. איז ער, דער פאָליטישער פרייהייטס־אידעאַל, גע־לעגען א צונויפגעדרעהטער אין דרייען ערגעץ־וואו טיעף אין דער נשמה, צוגעדריקט מיט א משא פון שקר, וואָס האָט געזאָלט איהם אין גאנצען דערשטיקען. ער איז געלעגען און האָט געלויערט, און ווי נאָר עס האָט זיך געמאכט די ערשטע געלעגענהייט, האָט ער מיט זיין גאנצע מאכט אראָב געשלייודערט פון זיך די בערג שקרים, וואָס מען האָט אָנגעוואָרפען אויף איהם, האָט זיך אויסגעגליכען אין זיין גאנצער גרויס, און האָט געצוואונגען דעם מענשען מודה צו זיין זיך אויף זיין אמת.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך א סך ביישפּיעלען און פאַ־נאַנדערשפּינען נאָך א סך רעיונות, וואָס זיינען פערבונדען מיט דער טהעמע: די מאכט פון דעם אמת. אבער שוין דאָס געזאָגטע, גלויב איך, גיט אונז א רעכט צו בעהויפּטען, אז אין דעם אמת, ד. ה. אין יענע דערקענטניסען, וואָס דער מענש איז געצוואונגען אָנ־צונעהמען,—ער מעג זיין ווי פערשיידען אין פערשיידענע צייטען,—ליעגט א רעאלע היסטאָרישע מאכט, וואָס העגגט געוויס אָב פון א סך אנדערע קרעפטען און אומשטענדען,—וואָס ווירקט אבער אליין אויך, ווי א געשטאַלטענדער פאקטאָר. די פערשיידענע אנדערע היסטאָרישע קרעפטען בייטען אום דעם איגהאַלט פון דעם אמת, מאכען, אז צו איין צייט זאָל זיין אמת אזא געדאנק און צו אַן אנדער צייט—אַן אנדערער. אבער צו אלע צייטען בע־שטעהט ער אין דעם „מוז“ וואָס ער צווינגט אויף אונז ארויף, בעת מיר בענעהמען די ווירקליכקייט, בעטראכטען די ערשיינונגען און ווילען א בעסערען לעבען. אָט אין דעם „מוז“ ליעגט די גבורה פון דעם אמת, זיין אייביגע אינוועניגסטע קראפט. פאר וואָס דען, אויב ניט פאר דער אינוועניגסטער קראפט זיינער, ווערט ער אזוי פערפאָלגט פון די, וואָס ציטערן פאר איהם? פאר וואָס דען גיעבען די רעגיערונגען אויס מיליאנען צו דערשטיקען איהם, וואו מען קאָן, דירעקט דורך א צוים אויף'ן מויל, אדער ווען מען קאָן דאָס ניט, אינדירעקט דורך א מבול פון שקר, אין וועלכען מען וויל איהם דערטרינקען?

אָבער די אלע פערפאָלגונגען,—ווייזט אונז די געשיכטע,—

העלפען ניט, און אויב איינער האָט אַן אמת, וואָס איז איהם ליעב און טהייער, אַן אמת, וואָס ווערט דיקטירט פון זיין הארצען און געהט ניט להיפך צו זיין שכל, דארף ער ניט נתפעל ווערן, וואָס ער איז איינער אליין, אדער גאָר זאַלבע־דריט־האַלבען; דארף ער זיך ניט אָבשרעקען, וואָס דער עולם וויל נאָך פון איהם ניט וויסען, אָדער וואָס די פּרובען אריינצופיהרען איהם אין לעבען האָבען זיך געענדיגט מיט א טראגישען סוף.

שטאָלץ מעג ער ארויסגעהן און ארויסשרייען פאר דער וועלט זיין גאנצען אמת:

— מיר ווילען פליעהען צו דער זון! פעדערען אהער, לאָמיר בויען קינסטליכע פליעגלען! וואקס אהער, לאָמיר זיי צוקלעפּען צו די אקסלען! איהר זאָגט, מיר וועלען צושמעטערט ווערן? וואו איז די ראיה? וואס איקאר איז צופיצעלט געוואָרען? אָבער פון וואנען ווייסט איהר, אז ער האָט געהאט דעם ריכטיגען וואקס? אונזער וואקס איז גאָר אַן אנדער מין וואקס...

און מיר וועלען טאקי צושמעטערט ווערן איבער די פעלזיגע שטיינער, ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. אבער די קרבנות וואָס מיר ברענגען פאר דעם אמת וועלען אויפהאלטען דעם לעבענס־אָטהעם פון דעם אמת, די אינגוועניגסטע ענערגיע זיינע, ביז עס וועט קומען זיין צייט, ביז די רעאלע בעדינגונגען פון זיין מקוים ווערן וועלען אָנוואקסען אזוי, אז מען וועט ניט דארפען צו איהם קיין פעדערנע פליעגלען און קיין וואקס, ווייל מען וועט איהם קאָנען בויען ווי מען בויט איצטער די עראָפּלאנען: פון אייזען און פון שטאָהל.

נאָך זיכערער קאָנען מיר ארויסטרעטען יעמאָלט, ווען מיר פיהלען, אז אונזער אמת איז צו דערזעלביגער צייט אַן אמת פון דעם שכל און א אמת פון דעם הארצען, און ווען מיר רופען ניט דעם עולם שווין אויפ'ן שטעל, ער זאָל זיך א לאָז טהאָן צו דער זון; ווען מיר דארפען איהם ערשט דערקלעהרען, פאר וואָס דער מענש דארף וועלען האָבען פליעגלען, פאר וואָס דאָס איז דער פערבאָרגענסטער אמת פון זיין הארצען. זאָל ער, דער מענש נאָכ־טראכטען, צי מיר זענען גערעכט, אָדער ניט, צי מיר גיעבען איבער א טרייען בעריכט פון זיין הארצענס בעגעהר און זיין שכל'ס בעַ־

טראכט, אדער דאָס איז נאָר אן אינדיווידועלער קאפּריז אין אונז. אין דעם לעצטען, פאר אונז טראגישען פאל, וועלען אונזערע געדאנקען העלפען איהם אליין פאנאנדערקלייבען זיך אין די נויטווענדיגע בעדערפעניסען פון זיין דענקען און די נויטווענדיגע פאָדערונגען פון זיין ווילען.

אויף אלע פעל וועט אונזער ארבייט העלפען דער גרעסטער און שעהנסטער זאך פון דער וועלט: דעם טריאומף פון דעם אמת.

COMRADES SELF EDUCATIONAL CLUB
ORGANIZED
MAY 1ST, 1914

די קראָפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט

(געגרינדעט יאַנואַר, 1913. אינקאָרפּאָרירט 1915, ניו יאָרק.)

בעצוועקט ארויסצוגעבען אלע אלגעמיין־סאָציאליסטישע קלאסיקער, אויף אנדערע ווערטהפולע סאָציאל־פּאָליטישע ווערק אין אידיש. זי איז געבויט אויף דעם יסוד פון יעהרליכע אבאָנענטען־מיטגליעדער, וועלכע צאָהלען 1 דאלאר א יאָהר און בעקומען דערפאר איין גרויסען בוך, די הויפּט אויסגאבע פון יאָהר (פון 400 ביז 500 זייטען, שעהן געבונדען), און א ווערטהפולען פאָרטראג (בראָשירט) איבער אן אלגעמיין־וויסענשאפטליכער טהעמא, וואָס ווערט געהאלטען אויף דער יעהרליכער גענעראל־פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט פון א בעוואוסטען אידישען געלעהרטען.

יעדער מיטגליעד האָט אויסער דעם א דעה אין דער פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט דורך זיין שטים־רעכט אויף דער יעהרליכער גענעראל־פערזאמלונג.

די געזעלשאפט האָט שוין ארויסגעגעבען 3 גרויסע ביכער: די „מעמוארען פון א רעוואָלוציאָנער", די „געגענזייטיגע הילף" און „פעלדער, פאבריקען און ווערקשעפער" — אלע פון פעטער קראָפּאָטקין, דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער און וויסענשאפטסמאן, וועמעס עהרען־נאָמען די געזעלשאפט האָט אָנגענומען, אין אנערקענונג פון זיין הויכען אידעאליזם און וויסענשאפטליכער בעגרינדונג פון דעם פרייען סאָציאליזם.

דאָס נעקסטע בוך, וואָס די געזעלשאפט פערפערטיגט ארויסצוגעבען אין דעם לויפענדען יאָהר, איז מאקס שטירנער'ס „דער איינציגער און זיין אייגענטום". דערנאָך וועלען קומען איינינגע ווערק פון לאסאל און מארקס, פרודאָן, גאדווין און אנדערע.

די געזעלשאפט האָט ערוואָרבען די אנערקענונג און דעם צוטרויען פון דער אידישער אינטעליגענץ און די בעדייטענדסטע ארבייטער אָרגאניזאציאָנען פאר איהר געטרייע ארבייט, פאָלשטענדיגער צופערלעסיגקייט און פינקטליכע ערפילונג פון איהרע פערשפרעכונגען. זי אפּעלירט דעריבער צו אלע אידישע ראדיקאלען פון אלע פארטייען און ריכטונגען איהר צו העלפען פערווירקליכען איהרע וויכטיגע צוועקען דורך זייער פינאנציעלער שטיצע, און דערהויפּט דורך זייער אריינטרעטען אין דער געזעלשאפט אלס מיטגליעדער.

פאר וויטערע אויסקינפטע און געלדזענדונגען אדרעסירט דעם טרעזשורער:

DR. J. A. MARYSON, 250 E. BROADWAY, NEW YORK CITY